YP 2614.50

HARVARD UNIVERSITY LIBRARY FEB 15 1958

NEW YORKER WOCHENBLAT

נומער 508

23טער יאָרגאַנג

# ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט

Vol. XXIII, No. 508, Dec. 31, 1957

164

דינסטיק, 31טער דעצעמבער, 1957

יצחק ליבמאַן
מ. ירדני
י. ראַבינאָוויטש
בערל בוים
ב. קאָוונער
ש. טענענבוים
ג. מנחם
אַסיף וואָלינסקי
לוי גאָלדבערג
ה. שישלער
דר. יעקב ב. גלען
ד. קריוויצקי
דוד דענק
יהושע גרינהאָף
מ. תפוחי
א. לאַקשין
י. קאַרנהענדלער
א. ראָזען
רחל ל. שטיינבערג

יצחק ליבמאַן

## סע האָט געלוינט וואַרטן אויף דיך, „מאַטושקאַ” רעוואָלוציע!

סע האָט זיך געלוינט דער פייער אין יאָר 1917, וואָס האָט אָנגעצונדן האָפענונג אין מולטי־מיליאָנען הערצער, אַז דער מאַגישער גאולה־וואָרט „רע־וואָ־לו־ציע” זאָל איצט — 40 יאָר שפּעטער — אַרויסרופן אַזאַ שוידער דורך די לייבער פון די ניכטערע און נאָך־ניט־ציניזירטע דענקער פון אונזערע טעג.

סע האָט זיך געלוינט די רעוואָלוציע, וואָס האָט זיך אַזוי הערלעך אָנגעהויבן מיט אויפשטורמען די פּשוטע מענטשן־קינדער צום פרייד פון לעבן; מיט אַרויפשלאָגן פון די טיפענישן פון די פאָלקס־שטומקייטן די פאַרגעסענע און פאַרזעענע, די דערנידעריקטע און די באַליידיקטע, און זיי צו צעעפענען די אויגן, די תמימותדיקע און זיי מיט אלף־בית־ליכטיקייט צו פאַנאַנדערנעמען די מיילער, די אומבאַהאָלפענע, די איינגרימאַסן־פאַרקריפּלט־ און־פאַרזיגלטע, כדי איצט, צוויי דורות שפּעטער, זאָל דער פאַר חד־גדיאוועטער יורש פון גרוזינישן שוסטער־יונג זיי אַלעמען אַרויסשטעלן אַ קלאָוניש־נידערטרעכטיקן שכרות־צונג — אַ צונג פון אַ לומפּ־אַ־טיראַן, ווי עס פּאַסט פאַר דעם אַל־ליקווידירנדיקן יורש פון דעם גרעסטן גאולה־הענקער און פירכטערלעכסטן מאַסן־מערדער וואָס נאָר אין זכרון פון דער מענטשהייט.

סע האָט זיך געלוינט דער רעוואָלוציאָנערער פייער אין 1917, וואָס האָט צעצונדן די פאַנטאַזיע פון מולטי־מיליאָניקן פויערים־פאָלק, אין לאָק פון אַ גרעסערן שטיקל ברויט, אַז דער וועג צום לחמא־עניא׳דיקן גן־עדן זאָל אויף הונדערטער מיילן אויף מיילן מיט פערציק מיליאָנען ביז־צום־טויט פאַרפייניקטע קערפּערס זיין אויסגעלייגט און אָנגעהרודעט, — אַזוי אַז אַ ליאַדע קאַפּיטאַליסטישע מדינה זאָל, אין אָנבליק פון סאָוועטיש־דעגענערירטן קאַניבאַליזם, צום גן־עדן התחתון פאַרגליכן ווערן.

סע האָט זיך געלוינט די רעוואָלוציע פון 1917, וואָס האָט אַזוי פלאַמיק־העל אילומינירט דעם האָריזאָנט פאַרן אויפגיי און אויפשטראַל פון די דרעמלענדיקע קינסטלער־קינדער פונם פאָלק, אַז דער „בייער סאָוועטישער שעפער” זאָל זיך מיט אַזאַ מחיהדיקער מעלאָדישקייט צעזינגען וועגן „שונא דעם טאַטן”, און וואו די שנאה צו טאַטע־מאַמע זאָל ווי אַ וואַלד־פייער זיך אַריבערטראָגן צו אַלע וויסטאַס, צו אַלע פעלקער און לענדער, אין שפּרייט פון צעפרעסערישע ווערים, פון פאַראַליזירנדיקע מיקראָבן, וואָס האָבן צו אַזאַ שטוינענדיקן חורבן געבראַכט צו די קולטורן פון די פעלקער, צו דער שלווה פון די היימען און צו דער גלייכגעוויכט פון דעם מין מענטש.

סע האָט זיך געלוינט דער פייער אין יאָר 1917, וואָס האָט אָנגעצונדן בטחון און גלויבן אין די „באַ־דניע”־דערשלאָגענע פעלקער פון דער ערד, מיט דער קלאַסיש־געררודפטער מענטשן־גרופּע — די אידן — בראש, כדי אַ זון פון אַ זייטיק פעלקער־געסל זאָל אין אונזערע טעג אַזוי פרעך און אַזוי ברוטאַל, פאַר די אויגן פון די הימלישע געטער און פאַר די בליקן פון די צעשראָקענע מענטשן־קינדער, זיך פאַרמעסטן אויף דער קרוינען־קאָפּ פון די פעלקער, און נעמען טרייבן און יאָגן די אידן פון זייערע ביידלדיקע היימען און פון זייערע נעבעכדיקע פרנסות; יאָגן און פלאָגן פאַר עמיצנס מינדסטער אידישער אָנגעהעריקייט און פאַר דער אַבסאָלוטער שולדיקייט פון ניט־אויסגעלאָשענער עקזיסטענץ; פלאָגן און פייניקן פאַר האָבן ווען אַראָפּגעשלונגען אַ אידישן אַלף און פאַר זיך ניט האָבן דערוואָרגן מיט אַ אידישן בית; פייניקן און אינקוויזיצעווען פאַר דעם סיביריש־פאַרפראָרענעם אידישן לאָך און פאַר דער קוים־באַמעקבאַרער און נאָך ניט־אויסגעטריקנטער אידישער טרער.

סע האָט געלוינט די רעוואָלציע, וואָס האָט מיט אַזאַ לאַווישער סטיכישער מעכטיקייט אויפגעבראָכן די טויערן פון יאָרהונדערטער פאַרקנעכטונג, אין שטורץ פון דער ראָמאַנאָווישער דינאַסטיע, כדי אין אונזערע טעג זאָל אַ איוואַן גראָזני דערשיינען אין אונזער פאַנטאַזיע ווי אַ מלאך הגואל אין ליכט און אין אָנבליק פון די וועלט־מאָנסטערס, אָנגעהויבן פון לענין הקדוש ביז דעם נייסטן מאַעסטראָ־„מערזאַוויעץ” ניקיטאַ, ימח שמו!

סע האָט זיך געלוינט די רעוואָלוציע פון יאָר 1917, וועלכע האָט פאַנאַנדערגעפּראַלט טיר־ און טויער פאַר לעכצנדיקע יונגע הערצער און פאַר דורשטיקע יונגע פויערים־מוחות, אַרויפברענגענדיק צו פירערשטולן טויזנטער נייע נאָך קיינמאָל ניט געזעענע פּנימער, כדי מיט דעם גאַנג צו די טורמעס, אונטערן טעמפּ־געקלאַנג פון רויטע טיראַנישע קייטן זאָל אַרעסטירט, דערדריקט און שפּורלאָז פאַרשווינדן די אָפּגענאַרטע רעוואָלוציע, און — מיט איר — אין דער ערד אַריין, פאַר אונזער סאַמע ראיה, די אַלע ראשונים, די אַלע טרוימער, די אַלע נביאים אירע, אַלע בויער, קעמפער, אַלע אירע זינגער און אַלע, אַלע אירע בעסטע מוחות, (צוזאַמען מיט זייערע מיליאָנען תלמידים, משרתים און יוצר־משרתים) חוץ דעם סאַמע מיטלמעסיקסטן, וועלכער איז איצט גאָר־גאָר מענטשלעך (און גאָר־ניט־געטלעך) אויך אַרונטער צו זיינע אַלע פון־זיין־האַנט־אומגעבראַכטע קאַמעראַדן אונטער דער ערד, צי אין דער ערד, וואו אַ פאַרשוועכטע און פאַרגוואַלדיקטע — זי ליגט באַגראָבן די רוסישע רעוואָלוציע.

## לכבוד „לאַמענט און ליד”

מאָנטיק, 13טן יאַנואַר, 1958, 5 אַ זייגער נ. מ. וועט מען ביים יוניאָן־סקווער קרייז „אהבת אידיש” טרינקען אַ לחיים לכבוד אַסיף וואָלינסקיס בוך לידער „לאַמענט און ליד”, וואָס איז ניט לאַנג דערשינען אין אַ פּראַכט־אויסגאַבע. אויסער דעם דיכטער, וועלכער וועט לייענען לידער פון זיין בוך, וועלן אים באַגריסן די קאָלעגן:

דר. אברהם אייסען, ש. טענענבוים, מ. ירדני און יצחק ליבמאַן

מ. ירדני

# וואָרט און קלאַנג

## זלמן שניאור

(צו זיין ווערן אַ בן־שבעים)

אַ פאָנטאַן, מיט בריליאַנטענע טראָפּנס.
אַ מוסקול, פאַר דער פּען.
גראַניט, פאַרן וואָרט.
פונקען, פאַרן קאָוואַדלאָ.
שטאָל, פאַרן בויער.
ציגל, פאַרן מויערער.
קופּער, פאַרן גראַווירער.
מאַרמאָר, פאַרן סקולפּטאָר.
ליים, פאַרן טעפּער.
קיט, פאַרן קנעטער.
געוויכט, פאַר דער וואָג.
אַ גראַנדיעזע שטוב, מיט אַ סך זאַלן און אַלקערס.
איינער, וואָס קען אַריבערשפּרינגען פּאַרקאַנס און גריבער.
פליגלען, פאַרן אָדלער.
אַן אָזיערא, פאַר דער לבנה זיך צו שפּיגלען.
אַ שייער, מיט אָנגעזאַמלטער תבואה.
וויין, פאַרן גומען.
פרוכט, פאַר די ביימער אין סאָד.
אַ פעלד, מיט גאָלדענע האָפּן.
הייון, פאַרן שטיפער.
אַ קילער שאָטן, פאַרן „ווערדל ביים טייכל", מיט „מאַרגאַריטקע־
לעך" ביי דער זייט.
אַ פּאָליאַנקע, מיט סטייגן פרישן היי.
אַ טורעם, מיט אַ הויכן שפּיץ.
געהילץ, פאַרן שניצער.
פּאַליטור, פאַרן פּוצער.
פאַרב, פאַרן מאַלער.
פעדים, פאַרן וועבער.
וואָל, פאַרן שטיקער.
אַ גאָרטן, פאַרן באָטאַניקער.
איינער, וואָס קען שטומע באַשעפענישן אויך מאַכן צו רעדן.
אַ שליח־ציבור, פאַר „שקלאָווער אידן".
אַ צונג, פאַרן העברעאיש־אידישן לשון.
איינער, וואָס וועקט אייער אַפּעטיט.
שפּייז, פאַרן הונגעריקן.
אַ געטראַנק, פאַרן זאַטן.
גלוסטונג, פאַרן שעמעוודיקן.
העזה, פאַרן באַשיידענעם.
גאווה, פאַרן עניו.
פאַרמעסט, פאַרן שטאַרקן.
גבורה, פאַרן שוואַכן.
אַ סטימול, פאַרן וואַקלדיקן.
וויטאַמינען, פאַרן רעזיגנירטן.
איינער, וואָס שפּאַנט מיט זיכערע טריט.
קערנער, פאַרן מילשטיין.
ברויט, פאַרן אויוון.
קין, פאַרן פלאַם.
אויל, פאַרן פייער.
איינער, וואָס ווייסט וואוהין ער גייט.
כוואַליעס, פאַרן ים.
שטראָמען, פאַרן ריווער.
ווייסינקע שטיינדעלעך, פאַרן מורמעלדיקן ריטשקעלע.
אַ בליאַסק, פאַרן בחור „מיט לאָקן, מיט שוואַרצע ווי פּעך".
אַ חן־פּינטעלע, פאַרן מיידל מיט „צעפּ און אויגן סאַפּירן".
טוי, פאַר יונגע טעג.
אַ ווינטעלע, פאַר זומערדיקע נעכט.
אַ שטעל, פאַרן גיבור.
אַ ראַזמאַך, פאַרן הירש.
ז. שניאור.

---

י. ראַבינאָוויטש (מאָנטרעאַל)

# נאָטיצן איבער טאָג־פראַגן

## „גאָלדענער יובל־בוך"

דאָס איז דער נאָמען פון אַ ספּעציעלער אויסגאַבע אין דריי שפּראַכן — אידיש, ענגליש און פראַנצויזיש, וואָס איז איצט דערשינען לכבוד דער פופציק־יאָריקער עקזיסטענץ פון „קענעדער אָדלער". איך האָב דאָ ניט בדעה צו שרייבן אַ רעצענזיע וועגן אָט דעם זאַמל־בוך. ס'איז ניט אין גוטן טאָן צו לויבן זיך אַליין און עס ליגט אויך ניט אין דער נאַטור פון מענטשן זיך אַליין צו קריטיקירן אָדער טאַדלען בפני כל עם ועדה, כאָטש ביחידות מיט זיך אַליין קען דאָס אַמאָל יאָ טרעפן... אַלץ וואָס מיר זיינען אויסן איז צו ציען אייער אויפמערק־זאַמקייט צו דער דערשיינונג פון אָט דעם גרויסן זאַמלבוך, וועלכער באַצייכנט אַ זייער וויכטיקע און יום־טובדיקע דאַטע אין דער גע־שיכטע פון אידיש לעבן דאָ אין לאַנד.

שוין די טאָוולען אַליין פון דעם זאַמלבוך זיינען, לעניות דעתי, ווערט כל הגעלטן, ווייל דאָרטן געפינען זיך רעפּראָדוצירט און איינ־געפאַסט אין אַ ריין גאָלדענער ראַם די ערשטע און לעצטע זייטן פון דעם סאַמע ערשטן נומער „קענעדער אָדלער", וואָס איז דערשי־נען דעם 30טן אויגוסט, 1957. די ערשטע זייט איז אין אידיש, די לעצטע אין ענגליש. וואָס פון דעם איז צו זען, אַז דער „קענעדער אָדלער" איז געבוירן געוואָרן צוויי־שפּראַכיק. אימיצער האָט אים מסתמא שוין גלייך ביי זיין געבורט אַריינגעשושקעט אַ סוד אין אויער, אַז אידיש וועט לאַנג ניט עקזיסטירן, דאַרף ער זיך דעריבער באַצייטנס איינאיבן אין שעקספּירס לשון, כדי ער זאָל מיט דער צייט איינגאַנצן אויפגעבן די אותיות מרובעות און ווערן, אַזוי צו זאָגן, לייטן גלייך.

אָבער נאָך אידער דאָס עופעלע איז אַנטוואוינט געוואָרן איז עס שוין געקומען צום שכל און איינגעזען, אַז זיין אמתער כוח ליגט אין מאַמע־לשון און ס'איז אים ניט נויטיק זיך פוצן מיט ענגלישע פעדערן. וכך הווה: אַוועק אַ יאָר, צוויי, צען, פינף און צוואַנציק און — אָט איז ער מיט מזל שוין אַריבער דעם מייל־שטיין פון אַ האַלבן יאָר־הונדערט און דער „אָדלער" פליט נאָך אַלץ בלויז אין זכות פון גע־טריישאַפט צו מאַמע־לשון און ניט אין זכות פון וועלכן־עס־איז אָפּנויג דערפון...

***

נו,באַטירלעך, צו זאָגן אייך, אַז די שפּראַך־אַסימילאַציע האָט עד־היום ניט אָנגעטאָן קיין שום צרות דעם „אָדלער" וואָלט געווען צו פרעטענציעז און אַפילו פאַלש אויך, אָבער עד־היום ליגט ניט די רעטונג אין ווענן זיין דאָס וואָס מ'איז ניט... דאָס מזל פון „אָדלער", ווי פון יעדער אַנדער אידיש־צייטונג, איז אַזוי ענג צוזאַמענגעבונדן מיטן גורל פון אונזער האַרציק מאַמע־לשון, אַז ער שטייט אָדער פאַלט מיט איר צוזאַמען.

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. ס'איז זיכער פאַראַן נאָך אַ טי־פערער סוד פאַרוואָס דער „אָדלער" האָט באַוויזן צו דערלעבן זיין גאָלדענעם יובילײ און צו אויסשטעלן אַ פייג די אַלע שוואַרצזעער, וואָס האָבן ניט אויסגעפּעלט אַפילו ביי זיין געבורט מיט 50 יאָר צוריק בפרט איצט מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט שפּעטער. אויב איר ווילט וויסן אָט דעם סוד, טאָ לייענט וואָס עס זאָגט זיך אין דער פּראָגראַם־דערקלערונג אין יענעם ערשטן נומער „קענעדער אָדלער" מיט איבער 50 יאָר צוריק. אָט ווענן מיר דאָ ציטירן אַ פּאָר זייער וויכ־טיקע פּאַראַגראַפן:

„די אידן אין קאַנאַדע בילדן אַ גענוגנדן טייל באַפעלקערונג זיי זאָלן האָבן עטלעכע אידישע צייטונגען, אָבער לײדער איז ביז איצט

ניט געווען קיין אייגע. די אידישע אינטערעסן ווערן דאָ פאַרנאַכלעסיקט. די אידישע צדקה, וועלכע ווערט געבראַכט אַלס מוסטער פאַר דער גאַנצער וועלט, שטייט דאָ אויף אַ זייער נידעריקער שטופע. די אידישע סיטיזנשיפ שפּילט דאָ אַ קליינע ראָלע, ווייל עס איז נישטאָ קיין צייטונג, וועלכע זאָל פאַרטרעטן די אינטערעסן פון די אידישע סיטיזנס.

„דער „קענעדער אָדלער" וועט געטריי פאַרטרעטן די אידישע אינטערעסן. ער וועט אומדערמידלעך אַרבעטן, אַז דער אידנטום (ד. ה. יהדות, אידישקייט — י. ר.), וועלכער האָט אויפגעהאַלטן אונזער אומגליקלעך פאָלק אין דעם לאַנגן פינצטערן גלות, זאָל ניט אָפּגעשוואַכט ווערן; אַז די דערציאונג פון אידישע קינדער זאָל זיין אין אידישן גייסט און אַז די יוגנט זאָל אויסוואַקסן אַלס צירונג פאַר אונזער פאָלק.

„דער „קענעדער אָדלער" שטרעבט אַז קאַנאַדע זאָל האָבן די בעסטע אידישע צדקה אַנשטאַלטן וואָס זאָל דינען אַלס מוסטער פאַר אַלע אידישע שטעט, און דיזע צייטונג וועט אַזוי לאַנג פּראָפּאַגאַנדירן ביז דאָס אַלעס וועט פאַרווירקלעכט ווערן".

עס ווערט אויך צוגעזאָגט צו קעמפן פאַר דעם, אַז קאַנאַדע זאָל האַלטן אָפן אירע טירן און „ווערן אַ נייער אידישער צענטער, וואו אונזערע פאַרוואָגלטע ברידער פון אייראָפּע זאָלן דאָ געפינען זייער שוץ און פרייהייט". אויך אַ צוזאָג, אַז די צייטונג „וועט זיך אימער אָננעמען פאַר די אינטערעסן פון אידישע אַרבעטער. די באַריכטן פון די יוניאָנס וועלן אימער געדרוקט ווערן און יעדע גערעכטע פאָדערונג פון די אַרבעטער קעגן די באָסעס וועט פון אונז אונטערשטיצט ווערן".

***

נו, כאָטש עס איז ניט פאַר אונז צו זאָגן עדות אויף וויפל דער „קענעדער אָדלער" האָט די אַלע פופציק יאָר מקיים געווען זיינע פאַרשפּרעכונגען אין ערשטן נומער זיינעם, ווערן אָבער אין דער איצטיקער יובל־אויסגאַבע געבראַכט אַ רייע מער־ווייניקער דאָקומענטירטע אַרטיקלען, וואָס גיבן אָן אומבאַשטרייטבאַרע פאַקטן און אַ געשיכטע פון געטרייער דינסטלייסטונג ווי אַ וועקער, רופער און מאָנער, ווי אויך אַן אָנרעגער פאַר דער בויאונג פון פּרעכטיקע אינסטיטוציעס, וואָס זיינען באמת געוואָרן „אַ מוסטער פאַר אַלע אידישע שטעט"; ווי אַ קעמפער פאַרן אידישן כבוד, אַן אָפּשפּיגלער פון אַלץ וואָס אידן דאָ און ערגעץ אַנדערש האָבן איבערגעלעבט אין לייד און אין פרייד, אין פּיין, ווי אין שמחה; ווי אַ שטענדיקער פּראָפּאַגאַנדירער פאַר אידישער דערציאונג, וואָס איז היינט צו טאָג אין אונזער „עיר ואם בישראל" אַוועקגעשטעלט בעסער ווי אין אַנדערע שטעט און לענדער פון דעם קאָנטינענט.

פאַראַן אויך אין דעם זאַמלבוך וואַרעמע באַגריסונגען פון פּראָמינענטע פירער פון יוניאָנס און אַנדערע אַרבעטער־קערפּערשאַפטן, וואָס באַשטעטיקן, אַז די צייטונג איז אויך געטריי נאָכגעקומען איר צוזאָג בנוגע דער אידישער און אַלגעמיינער אַרבעטערשאַפט, ווי זי האָט באַקעמפט פאַלשע משיחים אויף דעם אַרבעטער־פראָנט און אויף אַנדערע פראָנטן.

פון באַזונדערן אינטערעס איז די פראַנצויזישע אָפּטיילונג אין דעם יובל־בוך. וויכטיקע וואָרט־זאָגער פון דער פראַנצויזישער קאַנאַדע קומען דאָ צום וואָרט און דאָס איז אַ צייכן פון גוטער באַציאונג, וואָס מיר באַגריסן מיט פרייד. עס קומען אויך צום וואָרט אונזערע אייגענע וואָרט־קינסטלער: פּאָעטן, דערציילער און בעלעטריסטן, ווי זיי זיינען אַלעמאָל געקומען צום וואָרט דורך די קאָלומס פון דער צייטונג אַפילו אין וואָכעדיקע טעג פון אַ גאַנץ יאָר.

מיר וועלן האָפן, אַז אַלע אויפריכטיקע פריינט פון אידישן וואָרט זיינען מיט אונז אין אָט דעם יובל פון דער עלטסטער אידישער צייטונג דאָ אין לאַנד און אַז זיי פרייען זיך צוזאַמען מיט אונז, וואָס נאָך אַ האַלבן יאָרהונדערט אומאונטערבראָכענער עקזיסטענץ „גיט אַ פּויק אונזער טראָט: „מיר זיינען דאָ!..."

---

**לייענט און פאַרשפּרייט דאָס „וואָכנבלאַט" — די צייטשריפט פון דער אידישער אינטעליגענץ**

---

בערל בוים

# ווען ס׳איז געקומען צום לעבן...

(נאָוועלע)

דעם ליכטיקן אָנדענק פון אונזער צנועה׳דיקער שוועסטער פ ר י י ד ע פ ל י ס ל ע ה נפטר געוואָרן ז׳ חשון, תשי״ח.

איך האָב זיי באַגעגנט אין 1935 ווי אַ פאַרליבט פּאָרל. ער איז שוין געווען אַ מענטש פון אַ יאָר פערציק, זי — בערך פינף און צוואַנציק, אַ בלאָנדע, שיינע אידישע טאָכטער מיט אמתן חן. איר מאַמע־לשון איז געווען מלא טעם. איר שמייכל, און בעיקר — אירע לאַנגע געדיכטע בלאָנדע האָר און ווייסהויטיק פּנים און גרויע פאַרחלומטע אויגן האָבן אָפּגעשטעמפּלט אַ צעפּעסטעטע מיטלוואויקסיקע אידישע טעכטערל, וועלכע האָט זיך דערצויגן ביי אידיש־פּוילישע עלטערן, וואָס קיין פּרנסה האָט זיי ניט געפעלט...

ער, דער היפּוך פון איר, אַ מוסקולירטער מיטלוואויקסיקער שוואַרץאויגיקער מאַנספּערשוין, אַ ליטוואַק מיט בילדונג און בקי אין די קליינע פּינטעלעך... ער איז שוין געווען אַ בוכהאַלטער אין איינער פון די קליידער־פאַבריקן, מיט וועלכער איך האָב זיך דאַן פאַרבונדן אין שותפות.

די פאַבריק (וואו איך בין געווען אַ שותף) איז שוין געווען אַ צווייטע פון די באַלעבאַטים, וואו דער בוכהאַלטער האָט געאַרבעט. זיין אידיש לשון מיט זיין שאַרפן ליטווישן דיאַלעקט, האָט געמוזט ציען אויפמערקזאַמקייט ביי יעדן. ער איז ניט געווען פון די בוכהאַלטערס פון אַמעריקאַנישן שניט. קאָנטיק, ער האָט זיין בילדונג גענאָסן אין דער אַלטער היים. אַ בית המדרש בחור וואָס האָט קורסירט און אַ סך דערגרייכט אויפן געביט פון בילדונג...

ער האָט מיך ווי פאַרכאַפּט ביי דער ערשטער באַגעגעניש, זיצנדיק ביי אַ גרויסן דעסק מיט דער בלאָנדער אַרויסהעלפערין. —ביידע האָבן געאַרבעט איבער די ביכער. מ׳האָט מיך פאַר זיי פאָרגעשטעלט אַלס דעם נייעם פאַרוואַלטער אין דער צווייטער פאַבריק, אין פּליינפילד, ניו דזשוירזי. און אָט שמועסן מיר שוין אין מאַמע־לשון, — ביידע שמייכלען. זי רופט אים מיטן אמתן אידישן נאָמען, לאָמיר אים רופן יוסף, און איר — רחל. איך שטוין פון זייער נאָענטקייט און נאָך איידער איינער פון מיינע שותפים רוימט מיר איין אַ סוד, אַז זיי זיינען פאַרליבטע, ער איז שוין אַ טאַטע פון עטלעכע קינדער, און ווי דער שיקזאַל האָט דאָס פּאָרל צוזאַמענגעפירט, דאָך דערפיל איך עפּעס צו זיי אַ מאָדנע נאָענטקייט. ווי אַ באַפרייטער פון מענטשלעכע צערעמאָניעס, גיב איך אַ לויב צו השי״ת, וואָס ער האָט מיך צונויפגעפירט מיט אידן וואָס האָבן בלאָנדע האָר און ווייסהויטיק פּנים און גרויע פאַרחלומטע אויגן האָבן אַ נייגונג זיך צו דערנעענטערן ביי די ערשטע באַגעגענישן ווי אמתע אַחינו בני ישראל. מיר האָבן שוין צוזאַמען געגעסן אָנבייסן אין אַ דערבייאיקן רעסטאָראַן און זיך נעענטער באַקענט...

אָן שום צערעמאָניעס האָט ער זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט ווי אַ געוועזענער אָפּערייטאָר ביי הויזן, די ערשטע אַרבעט זיינע אין די שוויצפאַבריקן, אַ פּשוטער אָפּערייטאָר ביי „פּענטס". געאַרבעט אַ שיינע עטלעכע יאָר ביז ער האָט געכאַפּט די ענגלישע שפּראַך און אַזוי ווי דורך אַ צופאַל אַריינגעפאַלן צו דער קליידער־פאַבריק און אויסגעביטן די מאַשין פאַר דעם דעסק... זיין באַגאַזש פון דער אַלטער היים אַלס בוכהאַלטער איז אים בייגעשטאַנען, און הגם זיין געהאַלט איז דאַן געווען ניט צו גרויס, האָט ער זיך געפילט אַ סך בעסער מיט זיין בכבודיקער שטעלע. עס זאָל הייסן, אַז מיט אָט דער רחלע האָט ער זיך באַקאַנט אין אַ פּרעפּערעטאָרי־סקול, ביידע האָבן געמאַכט קאָונטס, ביידע האָבן געזאָלט שטודירן און ווערן קוואַליפיצירטע פּאַבליק אַקאַונטענטס. אָבער געבליבן זיינען זיי דערוויל ווי חברים און חברות...

דער קאָמוניזם האָט שוין דאַן געהאַט פאַרכאַפּט אַ סך מענטשן. לעאָן טראָצקי האָט דאַן גאַסטראָלירט אין אַמעריקע, לענין און זיין גאַנצער פאַרנעם האָבן שוין געהאַט פאַרכאַפּט די מאַכט אין רוסלאַנד. דער צאַר ניקאָלאַי האָט שוין גערוט אין זיינע פיר איילן ערד . . . קערענסקי איז נאָך געווען אין די מיילער פון טויזנטער סימפּאַטיקער...

אַ צייט, וואָס מיר גערענקען אַלע, און אוודאי איז אָט דער יוסף מיט דער צעפּעסטעטער רחלע געווען שטילע סימפּאַטיקער צום באָלשעוויזם... הגם זיי זיינען ניט געווען איינשטימיק מיט דער אַרט און ווייזע, ווי אַזוי דער קאָמוניזם האָט זיך אַוועקגעשטעלט.

עס האָט לאַנג ניט גענומען און איך האָב אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז אַזאַ חברשאַפט ווי ס'איז צווישן דעם פּאָרל, איז אַ נאַטירלעכע זאַך: מען חברט זיך לויטן רוסיש־קאָמוניסטישן שניט. מ'האָט זיך ליב, ס'מאַכט ניט אויס וואָס דער מאַן איז פאַרהייראַט. אויב ער האָט זי פאַרביטן פאַר זיין ערשטער ווייב, איז אַ סימן, אַז ער האָט זי, זיין געליבטע, באמת ליב. איך האָב מער ניט געשטוינט און אין דער שטיל זיי מקנא געווען — מען לעבט זיך ווי פרייע מענטשן, ווי טייבעלעך... אין אַן אויסמעבלירטן אַפּאַרטמענט, ניט ווי גבירים, אָבער זי, רחלע, פירט די היים באַלעבאַטיש, ווי אַ יונג פאָר פאָלק מיט אַ ציל אין לעבן, אַז ער, איר געליבטער יוסף, וועט אַמאָל באַפרייט ווערן פון זיין ערשטער פרוי, וועלכע ער האַלט אגב אויס... עס איז ניט קיין סוד — יוסף און רחלע גייען צוזאַמען אין דער אָפּערע, אין טעאַטער, לייענען כלערליי ביכער, ענגלישע און אידישע, בעיקר פּאָעזיע. מאָריס ראָזענפעלד איז געווען זייער דיכטער. שפּעטערצו האָב זיי ליב געהאַט לוצקין און זיינע אַרויס־טרעטונגען.

אַמאָל האָט איר געקענט געפינען אָט דעם יוסף זיצן ביי אַ תנ"ך. איך פלעג שטוינען, ווי אַזוי דער יוסף האָט געשוואומען אין ספרים מכל המינים, שטענדיק מיט אַ שמייכל, מיט אַ זעלטענעם הומאָר, גענויגט צו אַ משכילישן שניט... זיין ברייט־קנאָכיקער פּנים און געדיכט קוטשעראַווע האָר און פייערדיקע אויגן, האָבן אייך דערמאָנט אין אַ ספרדישן טיפּ, וואָס דאַרף גאָר זיצן ביי אַ גמרא און זיך פּלפּולן... איר האָט באַדויערט למאי אָט דער מענטש איז ווייט אַוועק דערפון און האָט זיך ווי איינגעהילט אין זיין ראָמאַנטישן לעבן. זי און ער, ווי צוויי טייבעלעך, ממש צום שטוינען...

זייער לעבן האָט מיך אָנגערעגט פול מיט קוריאָזן. מיר האָט זיך געדוכט, אַז ס'איז ניט רעאַל, ס'קען ניט זיין, אַז דער קרבן געהערט ניט צו דעם מזבח... און דאָך איז עס אַזוי...

אוודאי פלעגן מיר שמועסן אינטים. איך האָב נאָך דאַן מיין פאַמיליע ניט אַריבערגעבראַכט קיין פּלעינפילד, האָבן זיי מיך מקרב געווען. זייער היים איז געווען פאַר מיר אָפן. זיי האָבן געוואוסט, אַז איך זינדיק מיט דער פּען און אַמאָל פלעג איך עפּעס פאַר זיי לייענען. זי איז אָפט געווען באַגייסטערט פון מיין שרייבן. ער — ניט. הגם ער האָט מיר געפונען זכותים, זיך געוואונדערט ווי אַזוי איך קען בכלל שרייבן אַן אָנגעהאָרעוועטער. ער האָט זיך פאַרטרויט פאַר מיר, אַז אַמאָל האָט ער אויך געחלומט צו ווערן אַ שרייבער. אָבער ס'איז גאָרניט אַרויסגעקומען אַ חוץ אַ פּאָר קליינע שירים וועגן זיין רחלען. ווען ער האָט פאַרענדיקט לייענען זיין שאַפונג געווידמעט צו רחלען, האָט זי אויפגעלעבט און זי פלעגט אים ממש פאַרגעטערן. זי האָט זיך ניט געשעמט מיט אירע הייסע קושן פאַר די נאָענטע. איך האָב אים שטאַרק מקנא געווען. עד היום איז דער סוד פון אַזאַ ליבע פאַר מיר אַ גרויס רעטעניש. איך האָב ניט געקענט זיין שוה בשוה מיט דער מאָדנער ליבע. גאָר אָפט פלעגן מיר דיסקוטירן און מיין הויפּט־ציל איז געווען: צי מעג אַזאַ ליבע גיין אַזוי ווייט? וואָס איז אַזוינס טהרת המשפחה?... געוויינטלעך פאַרזיכטיק, זיך געהיט זיי ניט אָנצורירן... אָבער, מיר איז געווען פריקרע שלום צו מאַכן מיטן געדאַנק, אַז אָט דער יוסף קען איבערלאָזן אַ פרוי מיט קינדער און פירן זיין ראָמאַנטיש לעבן אַזוי זעלטן שיין און בכבודיק; און אָפּקומען בלויז מיטן באַזוכן זיין היים איין מאָל אַ וואָך צו באַשטאָטן די פרוי און קינדער און זיי ניט לאָזן אויף הפקר...

ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט
די צייטשריפט פון דער אומאָפּהענגיקער
אידישער אינטעליגענץ פון אַמעריקע
אַרויסגעגעבן פון
„ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט אַסס'ן"
41 יוניאָן סקווער, ניו־יאָרק, נ. י.
טעלעפאָן: אַלגאָנקוין 5-6393
רעדאַקטאָר: יצחק ליבמאַן

גלייכצייטיק האָב איך געשטוינט לגבי רחלען. זי איז געווען אַ זעלטן פעאיקע און האָט געוויס געקענט דערגרייכן אַ זיכערן פאַרהייראַטן לעבן מיט איר גלייכן, און דאָך? האָב איך ניט געהאַט דעם קוראַזש אין אַ אינטימען שמועס דערגרונטעווען דעם טיף־מענטשלעכן סוד — ברעיון, האָב איך געטראַכט, אַז זייער לעבן איז צו אידיליש איך זאָל אַלס זייער פריינט צילן צו דערגרונטעווען דעם טיפן סוד פון זייער ליבע...

האָט אָבער געטראָפן, אין אַ מיטן וואָך, ווען רחל איז אַוועק צו אַ זיצונג פון אַ געוויסער גרופּע פרויען, — דיסקוסיעס וועגן מענשעוויזם און באָלשעוויזם האָבן נאָך דאַן שטאַרק פאַרכאַפּט די היימישע יוגנט. רחל איז געווען לויט איר שטייגער, אַ פרייע, אַן אויסגעשפּראָכענע אין איר פאַרנעם, און יוסף האָט מיך פאַרבעטן צו פאַרברענגען מיט אים דעם אָוונט, און הגם איך בין געווען מיד, האָב איך מיט פאַרגעניגן אָנגענומען די איינלאַדונג. מיר פלעגן געוויינטלעך, לכתחילה, רעדן וועגן געשעפט. איך האָב אָפט זיך צו אים פאַרטרויט וועגן מיין לעבן דאָ אַליין. מיין קאָנטראַקט איז געווען בלויז אויף אַ יאָר מיט זיין פירמע און אַריבערנעמען מיין פאַמיליע באַלד, איז ניט געווען פּראַקטיש, ביז איך וועל וויסן אַז פּלעינפילד וועט זיין מיין נייע היים. איך האָב נאַטירלעך געפאָרשט ביי אים, ווי ווייט מיינע שאַנסן זיינען דאָ מיט די באַלעבאַטים צו זיין זייער שטענדיקער שותף. ער איז גראָד געווען אָפנהאַרציק און מיר געגעבן קוראַזש, אַז איך האָב גראָד אַלע שאַנסן צו ווערן דאָ אַ תושב, אַז די זון שיינט אויף פאַר מיר, אָבער פאַר אים איז ניט אַזוי פריילעך. וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט ביי דער פירמע אַ פּשוטער בוכהאַלטער? הגם זיי ווייסן אַליין ניט אויף וויפל ער איז זיי געטריי, ווי ווייט ער העלפט זיי מיט ראַט און טאַט... און אוודאי האָט עס שוין יענעם אָוונט אונז דערפירט צו אַ טיפערן אינטימען שמועס. ער האָט געפילט ווי ער וואָלט מיר געקומט אַ מענטשלעכן חוב אין אויפקלערן זיין צווייענדיק לעבן. ער האָט אָפּגעזיפצט אין דער שטיל און אינטים זיך אַרויסגעפירט מיט זיין בראשית... מיט זיין לערנען אין בית־המדרש, מיט זיין פאַרהייראַט לעבן, וואָס האָט אים קיין פרייד ניט געבראַכט. און גאָר טשיקאַווע איז געווען זיין דערקלערונג, אַז ער קען באַשטימט ניט זאָגן, אַז ער האָט עפּעס קעגן זיין פרוי און מוטער פון דריי קינדער. ער ווייס איין זאַך, אַז ער קען זיך מער צו איר נישט דערנענטערן, אַז באַלד אַ פּאָר חדשים נאָך דעם ווי ער האָט זי אַהער אַריבערגעבראַכט, האָט ער צו איר דערפילט אַ גרייליכע מחיצה — איך האָב זי ממש ניט דערקענט מער. — איז דאָס זי? מיין באַשערטע? וואו זיינען מיינע אויגן געווען? איך האָב געפילט אַז אַ שטן האָט זיך מיט מיר אַ שפּיל געטאָן, די קינדער וואָס זיינען בלויז דריי יאָר געווען אָן מיר, זיינען פונקט ווי זי... הגם זיי האָבן געקלעפּט צו מיר פונקט ווי די מאַמע. און וואָס מער איך האָב זיך געפילט ווי צו דערווייטערן פון איר, אַלץ מער האָט זי זיך געוואָלט דערנענטערן. זי האָט מיך געוואָלט האָבן יעדן טאָג, כאָטש יעדע שעה אין דער היים. זי האָט געטענהט, אַז זי האָט דאָ ניט קיין פריינט, קיין משפּחה, אַז בלויז איך, איר מאַן און גאָט...

פאַר מיר לעבט זי און איך דאַרף לעבן פאַר איר מיט די קינדער. איך האָב איר גאָרניט געענטפערט. איך האָב געוואוסט אַז זי איז ערלעך מיט אירע רייד אַז אַזוי דאַרף עס זיין. אָבער בלייבן אין הויז אין די רוישיקע נעכט, אין דער שטורעמדיקער צייט פון די איבערקערענישן אויף דער וועלט, האָב איך ניט געקענט. עס האָט מיך געצויגן אויף דער גאַס, צו איסט בראָדוויי, צו דער היימישער יוגנט. די שוויצפאַבריקן האָבן גורם געווען, אַז איך זאָל זיך אַריינוואַרפן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, זיך וואָס גיכער באַפרייען פון פאַבריק. איך בין דאָך אַ מענטש מיט אַ פּען אין האַנט, — האָב איך צו זיך געזאָגט — איך בין דאָך נאָך יונג!...

עמאַ גאָלדמאַן מיט אַלעקסאַנדער בערקמאַן און יאַנאָווסקי, מיט דער „פרייער אַרבעטער שטימע" און דער „פאָרווערטס" האָבן דאַן געוועקט די יוגנט. מען האָט זיך געהאַלטן אין דער שטיל פאַר היימישע בונדיסטן, פאַר סאָציאַליסטן. איך בין גראָד געווען, און בין עד היום,

נאַציאָנאַליסטיש געזאָגנען; מיין היים, מיין פאָטער האָט פון מיר דערוואַרט דאָס אייגענע. מיינע ברידער זיינען עד היום אוהבי ציון. אָבער ניט וויכטיק זיינען מיינע געוועזענע מעשים, — דער עיקר איז וואָס איך בין היינט. איך האָב זיך אַרויסגעריסן פון יענעם פלאָנטער, אָבער איצט בין איך נאָך ערגער פאַרפלאָנטערט אין זיך אַליין. איך וואָלט געקענט לעבן גליקלעך ווען איך בין פריי. אָבער... ווי ווערט מען פריי?

ביז שפּעט אין דער נאַכט זיינען מיר געזעסן און ווי אמתע אינטימע חברים געשמועסט. וואָס האָב איך אים געקענט זאָגן? איך האָב דאָך זיין פרוי און קינדער ניט געקענט. קען מען דען פסקענען אַ דין אין אַזאַ פלאָנטער? — איך האָב געקנייטשט דעם שטערן, געצוקט מיט די ליפּן, אָבער ס׳איז גאָרניט אַרויס — געבליבן ווי שטום... ער האָט געמאַכט טיי ווי אַן אמתער באַלעבאָס, ווי אַ געניטער נע־ונדניק... — ביידע אַרבעטן מיר און ביידע טוען מיר די הויז־אַרבעט. איך לאָז אָפּט רחלען גיין און איך בלייב אין הויז. זי איז פאָרט אינגער פון מיר — האָט ער שטיל באַטאָנט.

און אָט איז זי אָנגעקומען. דער זייגער האָט געוויזן צוועלף. זי איז אַריין אַ פריילעכע. — איר זייט נאָך דאָ, מיסטער באַום? — פיין, פיין. האָסט געמאַכט טיי, יוספל? — האָט זי בנעימותדיק געפרעגט און זיך אויסגעטאָן איר מאַנטל, אָנשליסנדיק זיך אין אונזער אינטימקייט. איך האָב זיך אויפגעהויבן צו גיין, אָבער ביי איר האָט זייגער צוועלף ביינאַכט ניט געהייסן שפּעט, זי האָט בחיפזון אַלץ איבערגעגעבן וואָס עס האָט זיך פאַרלאָפן אין איר היינטיקער געזעלשאַפט, וואָס זי האָט געזאָגט און וואָס ס׳דאַרף באמת זיין...

איר שטימע האָט אָפּט געקלונגען פון פאַרקילטקייט, ווי זי וואָלט גערעדט אונטער דער נאָז צוליב איר הייזעריקייט, אָבער ס׳האָט געהאַט אַלע טעמים.

אַזוי האָבן מיר פאַרבראַכט ממש אַ יאָר צייט. זי האָט אים אגב געוואָלט אַרויסרייסן פון דער פירמע, געטענהט, אַז זיין געהאַלט איז צו קליין, אַז איר הילף אין בוכהאַלטעריע ווערט ניט ווי געהעריק באַצאָלט און אָפּגעשאַצט. ער האָט זיך אָבער געשראָקן די שטעלע צו פאַרלירן. — איך האָב דאָך אויף זיך אַ יאָך — האָט ער איר מרמז געווען... זי איז דאַן שטיל געבליבן, זי האָט שוין מער ניט גערעדט. דאָס איז געווען די דינע סטרונע וואָס האָט געשפּילט גאָר אָפּט צווישן אים און איר...

און אָט האָט זיך אַריינגעדרייט אַ צופאַל: די פירמע אונזערע האָט פאַרטראַכט אַ פּלאַן צו עפענען סטאָרס, אַ קייט פון סטאָרס צו פאַרקויפן לאחדים קליידלעך און ביסלעכוויז אַליין מאַנופעקטשורן. און פאַר אָט דעם יוספן האָט זיך איצט געעפנט אַ נייער קוואַל פון פרנסה, ער זאָל ווערן אויך אַ גליד פון דעם נייעם פאַרנעם, היטן די ביכער און זי , רחל, זאָל אים אַרויסהעלפן.

עס מוז פאַרשטאַנען ווערן, אַז די באַלעבאַטים זיינע און מיינע שותפים, זיינען געווען איינפאַכע מענטשן, אָן אַ סך בילדונג, אָבער האָרעפּאַשניקעס און מיט פראָסטן שכל. ער, יוסף, איז אייגנטלעך געווען זייער בעל־יועץ, זייער נאמן. מיין קאָנטראַקט מיט זיי האָט זיך אָבער געענדיקט און איך האָב געוואָלט בלייבן אַליין, געוואָלט אָפּקויפן די פירמע. און אַזוי ווי מיר האָבן זיך ניט געקאָנט פאַרגלייכן, האָב איך משנה מקום געווען, פאַרביטן פלעינפילד אויף ווילקעסבאַרע. איך האָב זיך אָפּגעזעגנט מיט אַלעמען. אָבער יוסף מיט רחלען האָבן צום ערשטן באַדויערט מיין באַשלוס. אין אָנהויב האָבן מיר זיך דורכגעשריבן. עס זיינען געווען געקינסטלטע בריוו. זיין כתב־יד, איר כתב־יד, מיין "גאונות" אַלס שרייבער... ביסלעכוויז האָט זיך אונזער נאָענטקייט דערוויטערט. צייטנווייז האָב איך אָפּגענומען גרוסן פון זיי, אַז אַלץ גייט ווי אַמאָל, אַז זיי האָבן שוין אַן אייגענע היים, אייגענע מעבל, און יוסף האָט זיך פיין אַרויפגעאַרבעט. איך האָב נאָך אַלץ פאַנטאַזירט, אַז אַמאָל, אַמאָל, וועל איך זיי מאַכן אַ סיורפּריז: איך וועל אָנקלינגען אין זיין פירמע און וועל זיי זאָגן: — העלאָ, יוסף! דו ווייסט ווער ס׳רעדט? — און ער, יוסף, וועט אָנהויבן שטוינען און ... יאָ, מיטן גאַנצן טאַראַראַם. אין אַ ים פון רייד וועלן מיר באַשליסן זיך צו באַגעגענען און ס׳עט זיין ליהודים! מיין פרוי וועט אויך זיין אין דער שמחה.

אָבער חלומות בלייבן אַמאָל אָן אַ ממשות. אָט גרייט איך צו מיין בוך — „אויף אַ שמאָלער סטעזשקע". איך מאַך אַ רשימה וועמען מיין בוך צו שיקן במתנה. אוודאי און אוודאי דערמאָן איך זיך אין יוספן מיט רחלען. אָך, ס׳אַראַ פרייד ס׳וועט ביי זיי זיין, ווען זיי וועלן דערהאַלטן מיין בוך דערציילונגען, מיין בראשית — מיין ערשטלינג. ממילא, שיק איך שוין צוויי ביכער צו מיינע אַמאָליקע שותפים, הגם איך ווייס, אַז זיי זיינען פון די קליינע לייענער, זיי זיינען געווען ווייט פון ליטעראַטור... איך אויטאָגראַפיר די דריי ביכער. בעיקר פלייס איך זיך צו אויטאָגראַפירן דעם בוך פאַר יוספן מיט רחלען. עפּעס ווי אַ שטן וואָלט מיר געשטאַנען אין וועג און לאָזט מיך ניט אָנשרייבן די צוויי שורות... אָבער איך באַקעמף דעם שטן און שרייב אָן: „מיט חברשאַפט צו מיינע ליבע יוגנט־פריינט, יוסף און רחל". איך רעגיסטריר דעם בוך און פריי זיך. עס לויפן מיר פאַרביי פאַרשידענע רעיונות, וואָס פאַר אַן ענטפער איך וועל קריגן פון אַלע דריי און בעיקר פון זיי, מיינע יוגנט־פריינט.. אָבער דער איינציקער בוך יוספס, קומט מיר צוריק. ניטאָ מער דאָס פאָרל! ניטאָ אין פלעינפילד! — ווערט מיר קאַלעמוטנע אויפן האַרצן, היתכן? — פרעג איך. — ס׳איז דאָך בלויז אַוועק דריי־פיר יאָר, וואו קענען זיי זיין?

אוודאי קלינג איך אָן „לאָנג דיסטאַנס" צו דער פירמע, איך דערהער דעם קול פון איינעם פון מיינע אַמאָליקע שותפים. ער איז מלא שמחה וואָס ענדלעך לאָז איך זיך הערן. און בקיצור — ער שטוינט... — איר ווייסט גאָר נישט? — פרעגט ער מיט פאַרוואונדערונג.

— יאָ, וואָס איז מיט זיי געשען? — פרעג איך. — גאָר פשוט — ענטפערט ער מיר — יוסף איז איצט אין די פעדערן. ס׳איז ניט מער דער יוסף. ער איז איצט שוין אַ האַלבער מיליאָנער. ער לאַכט שוין פון אונז אַלעמען...

און די געשיכטע גייט אַזוי. איך דערוויס זיך ערשט שפּעטער דורך חקירה ודרישה, אַז אין אַ שיינעם טאָג האָט די פירמע געשיקט יוספן צו אַ געוויסן פראָמינענטן מאַנופעקטשורער אויסצוגלייכן אַן אַקאַונט. אַ חוב ישן, וואָס איז געווען פאַרפלאָנטערט. האָט דער יוסף פשוט אַזוי ווייט נושא חן געווען ביים מאַנופעקטשורער, אַז ער האָט אים פאַרגעשלאָגן אַ שטעלע מיט אַ גרויסן געהאַלט. און געלט האָט דאָך כידוע אַזאַ כוח... ער האָט פאַר זיך דערזען זיין באַפרייאונג פון דער אַלטער פירמע, וואָס איז פאַר אים קיין גרויסע צוקונפט נישט געווען. און אָט נעמט ניט מער ווי אַ יאָר. ער ווערט אַ שותף צו דער פירמע, און פון יוספן ווערט מיסטער דזשיי שאַפּערמאַן, וואָס לעבט שוין ווי אַ גביר מיט זיין צווייטער באַשערטער, און ניט אומזיסט איז מיין בוך צוריקגעקומען.

איך שטוין און טראַכט: — רבונו של עולם, ווי איז דאָס מעגלעך? איז דאָס סתם אַ פאַנטאַזיע? איז עס אין וואָר? וואָס הער איך? — אָבער „טרעיד" מענטשן באַשטעטיקן, אַז דאָס איז עס... גלויבט אָדער ניט.

פונקט דאַן געשעט אַ געשיכטע: עס גרינדעט זיך אַ קאָנטראַקטאָרס אַסאָסיאיישאָן. איינער פון מיינע פריינט רוימט מיר איין אַ סוד, אַז מען קען דערוואַרטן שאַפּערמאַנען ביי אַ זיצונג דאָרט און דאָרט. ער איז זיכער אין דעם. ער קומט אַלס איינער פון די מאַנופעקטשורערס, אַלס צוהערער און בעל יועץ...

איך האָב זיך אָבער נישט געקאָנט דערוואַרטן און אָט רעדן מיר טעלעפאָניש. עס רעדט דער אייגענער יוסף, אָבער ער איז מלא שמחה. לאַכט האַרציק און זאָגט מיר, אַז זיין רחלע וועט מיט אים זיין ביי אָט יענער זיצונג. און שוין נישט וויכטיק די פרטים...

אַלץ איז געווען אמת ויציב. מיר האָבן זיך באַגעגנט. אָבער רחלע

NEW YORKER WOCHENBLAT
ISAAC LIEBMAN, Editor

Published Monthly
By New Yorker Wochenblat Ass'n
Editorial, Business and Executive Offices
41 UNION SQUARE, NEW YORK 3, N. Y.
Telephone: ALgonquin 5-6393
Yearly Subscription $7.00 Canada $7.50; Foreign $8.00
Reentered as second class matter November 13, 1953, at the Post Office of New York, N Y., under the Act of March 3, 1879.

איז ניט געווען. — זי איז צוגעקילט, — האָט ער געטענהט.

— זי קילט זיך נאָך אַלץ צו? — האָב איך כלומרשט געפרעגט.

אָבער ער האָט געענטפערט ערנסט: — ניין, באָום, איך מיין ניט קיין שפּאַס, זי האָט באמת אַ „קאַלד".

מיר האָבן אָפּגערעדט זיך צו באַגעגענען אַ צווייטן מאָל, ווען איך וועל זיין אין ניו־יאָרק.ביידע האָבן מיר געהאַט פולע מיילער מיט רייד, מיט רעיונות. אָבער דער פּלאַץ און דער אַרום האָט ניט דערלויבט אַריינצוגיין אין פּרטים.

אויפן וועג אַהיים דערמאָנט מיך מיינער אַ פריינט, וואָס איז אויך געווען פאַרבונדן מיט דער פירמע פון אַמאָל, אַז היות מיר גייען האָבן אַ באַנקעט פון דער קאָנטראַקטאָרס אסס'ן אין אַ חודש אַרום, וועלן מיר דאַן זיך ביידע באַגעגענען מיט די שאַפּערמאַנס און ס'עט זיין אָגיל ואשמח...

דאָס לעבן איז אָבער ניט ווי מען פּלאַנט. איך האָב לצערי ניט געקענט זיין ביי דער שמחה, איבער דעם וואָס מיין בן־יחיד איז אַוועק אין דינסט אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי. אַוועק קעמפן קעגן יאַפּאַן. האָבן מיר געוואָלט זיין מיט אים דעם לעצטן טאָג...

און אָט איז דער באַנקעט אַ פריילעכער. מען עסט און מען טרינקט און עס שפּילט מוזיק. נאַטירלעך זיינען יוסף מיט רחלען דאָרטן דאָ. יוסף איז פריילעך. פאַרוואָס דען נישט? ער האָט שוין זיינע קינדער באַשטאַט, „כסף וזהב מטהר"... ער האָט איצט עשירות. האָט זיך זיין צווייטע באַשערטע וואָס איז אים געבליבן געטריי, וואָס האָפט נאָך צו האָבן אייגענע קינדער מיט איר יוסף, געוויס ניט געריכט זיך, אַז איר יוספס מאַכן אַ לחיים, איינעם און אַ צווייטן און אַ דריטן, וועט ענדיקן זיין לעבן, אַז היינט ביי דער שמחה זעט זי אים צום לעצטן מאָל אַזאַ פריילעכן, אַזאַ אויפגעהייטערטן. זי האָט גאָרנישט געטראַכט, אַז פּלוצים וועט יוספס וואוילטאָג אים אָפּשניידן זיינע יונגע יאָרן... ער האָט מיט־אַמאָל דערפילט, אַז דאָס האַרץ שטעלט זיך אים אָפּ.

— איך פיל עפּעס נישט גוט, רחלע, נעם מיך אַהיים, רחלע טייערע — זיינען געווען זיינע לעצטע ווערטער.

אַ דאָקטאָר איז באַלד געבראַכט געוואָרן, אָבער עס איז געווען צו שפּעט. אַ האַרץ־אַטאַקע האָט פאַרענדיקט זיין לעבן, וואָס האָט געזאָלט זיין מיט פרייד און מיט אַ גרויסן פאַרנעם. אָבער רחלעס האָפענונגען זיינען איבער נאַכט ווי אויסגערונען. זי איז געבליבן מיט אַ גרויס עשירות, געירשנט אַ גרויסן טייל פון זיין פאַרמעגן, אָבער איר פרייד האָט זיך פאַרביטן אויף טרויער. קיינער פאַרגינט איר נישט דאָס עשירות, און זי קען קיינעם איר ביטער האַרץ נישט עפענען... איר גרעסטע עשירות איז פון איר אַוועקגעריסן געוואָרן: זי איז געבליבן איינע אַליין...

Use the Pleasant Laxative

Ex-Lax is the laxative you enjoy taking. Tastes like delicious chocolate, and gives thorough relief gently and comfortably. Ex-Lax is America's biggest selling laxative—used for over 40 years.

Buy the Economy 79c Size
Save as much as 41c
Also available in 37c and 15c sizes.

When Nature "forgets"... remember

EX-LAX
THE CHOCOLATED LAXATIVE

איך באַגריס פייערלעך קאָלעגע ש. לאָנשיין צו דער חתונה פון זיין מעזיניק בנימין צו זיין האַרץ־אויסדערוויילטער גלאָריאַ.

זאָל זיין מיט מזל, מיט פרייד און מיט גלאָריע!

יצחק ליבמאַן

## קול ששון וקול שמחה, קול חתן וקול כלה

אונזערע האַרציקסטע וואונטשן פאַר פרייד און גליק שיקן מיר אונזער טייערער שוועסטער און ליבן שוואָגער

**שולמית** און **אלימלך הערשקאָוויץ**

און צו אונזער ליבן פּלימעניק **הערשל אביגדור** (וויקי) לכבוד זייער — אונזער גרויסער שמחה, ווען אין אַ מזלדיקער שעה האָט **זיוה** חתונה געהאַט מיט איר באַשערטן **אריה פּנחס** (פּיטער) **פריירך**. זאָל זייער מזל שטענדיק שיינען איבער זיי און אייך און אונז ברענגען פיל נחת און פרייד.

| | |
|---|---|
| איזי און מערע שולמאַן | בען און רחל שטיינבערג |
| אייבי און סיידי רובינסאָן | בען און חנה קריגער |
| יצחק און נחמה ליבמאַן | אַרטור און עטל סטאָן |

און אַלע קינדער און קינדס־קינדער

אויך ווינטשט די משפּחה אַ סך גליק און געזונט אונזער מיזינקע שוועסטער **עטל** און איר מאַן **אַרטור**, מיט זייער געראָטענער טאָכטער **סאַנדראַ**, צו זייער אַריינציען זיך אין זייער נייער היים.

מיר באַגריסן פריידיק אונזערע חשובע חברים

**אלימלך** און **שולמית הערשקאָוויץ**,

צו דער חתונה פון זייער טאָכטער **זיוה** צו **פּיטער**.

זאָלן מיר הערן פון זיי און פון אייך גוטע בשורות.

סעם און ראָזע קרעדיטאָר ישראל און גיטל ציטרין

## אונזער באַגריסונג צו מאָריס פּערלמאַן



די משפּחה פון „וואָכנבלאַט" שליסט זיך אָן אָן דעם אידישן „סעקטאָר" פון סטעמפאָרד מיט דעם „פאַרבאַנד"־צווייג 274 בראש, מיט באַגריסן דעם ראש־העיר, ח' מאָריס פּערלמאַן, צו זיין 75־יאָריקן יובל. חבר פּערלמאַן איז ניט נאָר געווען דער רוח חיים פון אַלע אידישע טעטיקייטן אין סטעמפאָרד, נאָר ער האָט אויך געהאַלטן תמיד זיין אויער וואַך אויף די שטילע נויטן פון דעם יחיד. פּאַראַלעל מיט זיינע גרויס־צוגיקע אַרבעטן פאַר ארץ ישראל, האָט ער אויך ניט פאַרזען דעם עם ישראל. אידישע קולטור איז געווען אַלע מאָל נאָענט צו זיין האַרץ. זיין אינטערעס אין אידישער ליטעראַטור ציט זיך פון זיינע יוגנט־פריינטשאַפטן מיט אידישע שרייבער, מיט דער קרוין־חברשאַפט זיינער פון אברהם רייזען ע"ה. און אָט־די דינע ליניע פון ליבשאַפט צו אידיש האָט אים באַהאַפטן מיטן „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט". דערפאַר איז חבר פּערלמאַנס יובילי, געפייערט פון דער גאַנצער שטאָט כמעט דעם 15טן דעצעמבער, 1957, אויך אונזער יום־טוב!

פון יום־טוב צו יום־טוב, אינם ווייטערדיקן פריינצלעכן גאַנג פון אייער לעבן, ליבער חבר און פריינט מאָריס פּערלמאַן!

פאַר דער משפּחה פון „וואָכנבלאַט", יצחק ליבמאַן

די ליבמאַן־שוועסטער, מיט זייערע מענער און משפּחות, שליסן זיך אָן אין די מחנות וועלכע פייערן דעם 75־יאָריקן יובל פון דעם פּראָמינענטן סטעמפאָרדער כלל־טוער מאָריס פּערלמאַן, און שיקן אים זייערע האַרציקע ברכות.

ב. קאַוונער

# צו אַ פריינט

שטאַרבן, מיין פריינט,
איז אַ געשעפט בלויז פאַר דעם
וואָס וויל נישט לעבן.
אָבער פאַר אַ מענטשן וואָס
וויל יאָ לעבן,
איז דאָס שטאַרבן אַן אומגליק,
דאָס הרגעט אים אָוועק
אויף אַלע אייביקייטן.

דאָס מיינט:
אַן אייביקער חושך,
אַן אייביקער שלאָף.
דאָס מיינט: נישט זען די וועלט
פאַר זיך.
דער טויט רייסט אָפּ דעם מענטשן
פון לעבן;
פון ליבע;
פון פרייד און פון גליק —
קוים איז ער אַריבער אויף
יענער זייט בריק,
קומט ער שוין מער נישט צוריק...

דעמאָלט איז מען טויט ווי אַלע
טויטע.
פון אַזאַ מענטשן ווערט אַ בר מינן.
שטאַרבן מיינט: פאַרלירן אַלע
פריינט,
דעם נעכטן און דעם היינט,
דעם מאָרגן און איבערמאָרגן.
דער טויט לעשט אויס אַלע
דאגות, אַלע זאָרגן.
דאָס מיינט: אַ היים
פון זאַמד און ערד און ליים.
אַ היים. אָן ליכט, אָן וואַרעמקייט,
אָן הייסע וואַסער,
אָן דירה־געלט.
דאָס מיינט: אַן אייביקע נאַכט.
די אויגן זיינען בלינד,
גאָט אַליין האָט זיי צוגעמאַכט...
פאַרוואָס?
איך ווייס נישט. פרעגט נישט
ביי מיר...
איך בין בלויז אַ מענטש
אָבער נישט קיין גאָט.
שטאַרבן, מיין ליבער פריינט,
איז קיינמאָל נישט גוט.
נישט נעכטן, נישט היינט,
נישט מאָרגן, נישט שפּעטער.
נישט מען זעט דעם ווייסן ווינטער,
נישט דעם גרינעם פרילינג,
נישט דעם רייפן זומער
נישט דעם אָסיען
ווען עס פאַלן די בלעטער...

מען הערט אויך נישט די פייגל
זינגען,
און די ווינטלעך וואָס לויפן
איבער די זאַנגען, זעט מען אויך נישט.
מען זעט נישט קיין רעגן, קיין
זונשיין, קיין זון אונטערגיין.
נישט די לבנה, נישט די שטערן
אין אַ שיינער זומערנאַכט —
אַז די אויגן זיינען
אויף אייביק צוגעמאַכט...

שטאַרבן, מיין פריינט,
מיינט:
נישט צו זען די הימלען מיט זייער
בלאָ.
מען הערט נישט דאָס קראַקן
פון דער שוואַרצער קראָ.
מען הערט נישט דעם דונער
און דעם גערויש פונם ים,
און דאָס ווילדע געזאַנג פונם
וואַסערפאַל,
קיין שטראַל, קיין קוואַל,
נישט מען האָט אַ פרוי, אַ געליבטע,
נישט איר צובער, נישט איר חן, נישט
דעם שימער פון אירע אויגן,
נישט די זיבן פאַרבן
פונם רעגנבויגן.

ווי געזאָגט:
איז דאָס שטאַרבן פאַרן מענטשן
אַ גרויסער קלאַפּ...
שטאַרבן, מיינט אויך:
לאָזן אַן אַלמנה מיט יתומים,
מיט קינדער און אייניקלעך
און אור־אייניקלעך,
און זייער אָפּט אַ טאַטן און אַ מאַמען,
און שוועסטער און ברידער
און נישט קיין געענדיקטע לידער,
און טעמעס
פאַר גרויסע פּאָעמעס,
און האַרציקע פּאָעטן
און באַנקעטן
און גוטע ביכער, ביבליאָטעקן,
סימפּאָניעס, אָפּערעס, קאָנצערטן,
לעקציעס וועגן גרויסע שרייבער,
דענקער, פילאָזאָפן.
דאָס מיינט: נישט זאָגן מער
קיין וויצן,
נישט לאַכן
און נאָך אַ סך, אַ סך גוטע
זאַכן.
אַז מען האַלט אין איין שלאָפן...
שטאַרבן, מיין פריינט,
מיינט
אויך:
נישט צו קענען מאַכן רייזעס,
נישט צום ים, נישט אין דער
שווייץ,
נישט קיין לייקוואוד, נישט קיין
פלאָרידע, נישט קיין קאַליפאָרניע —
איר האָט עפּעס אַ באַגריף
צו ליגן אייביק אין דר'ערד
אין פיר איילן טיף...

גאָטס גרעסטע שטראָף
איז דער אייביקער שלאָף.
און אַז מען רעדט מיט פרומע
אידן,
זאָגן זיי, אַז גאָט איז אַ גוטער,
אַן אב הרחמים —
און מען טאָר אים נישט
קריטיקירן —
נשקשה, ער ווייסט ווי די וועלט
צו פירן!...
אַזוי זאָגן זיי.
שטאַרבן, מיין פריינט,
מיינט:
טויט!
און טויט מיינט אַ סוף פון אַלע
סופן.
און אַזאַ סוף איז זייער נישט
געזונט פאַרן מענטשן.
יעדער מענטש מיט שכל,
וואָס וויל לעבן
וועט מוזן צוגעבן,
אַז איך ווייס וואָס איך רעד,
נאָך אַלעמען בין איך דאָך
אַ אידישער פּאָעט.

טויט מיינט:
אַפילו נישט צו הערן אייערע פריינט
מאַכן אַ הספד נאָך אייך.
איר קענט אַפילו נישט זען ווי גרויס
אייער לוויה איז.
וויפל עס זיינען פאַראַן געוויינען
און נישט געוויינען.
וויפל לויבגעזאַנגען איר קריגט.
וויפל טרערן עס ווערן פאַרגאָסן
און ווער זאָגט קדיש?
און וועלכער חזן זינגט דאָס
באַרימטע קאַפּיטל תהלים.

שטאַרבן, מיינט:
נישט שפּילן מער קיין שאָך
נישט אין קאָרטן,
נישט אין הינט, נישט אין פערדלעך,
נישט אויף יענעמס געפילן —
איר קענט אַפילו קיין ליבעס
נישט שפּילן.
נישט איר קענט קושן אייער פרוי
אָדער גלאַט אַזוי
זיך גטן מיט איר.
איר זייט געפאַנגען ווי מיט
אייזערנע צוואַנגען,
אין אַ היים אָן אַ פענצטער,
אָן אַ טיר...
שטאַרבן, מיין פריינט,
מיינט:
צו ליגן אייביק איינער אַליין
צווישן מתים,
צוקאַפּנס אַ שטיין
און איר האָט נישט וואו
אַריינצוגיין:

ער וויל איבערבויען שיקזאַלן. ער חלומט איבערצושטעלן דעם גאַנג און דאָס לעבן פון דורות. ער וויל איבעררוקן דאָס מעבל פון דער וועלט־געשיכטע. ער וויל מאַכן מיטן וואָרט — מעשה בראשיתדיקע רעוואָלוציע. און טראָצדעם וואָס דער גרויסער חלום פאַרבלענדט זיין רעאַליטעט, הגם ער ווייסט וואויל ווי אוממעכטיק און הילפלאָז עס איז דאָס מענטשלעך־געטלעכע וואָרט אין אַ וועלט פון רשעות און ברוטאַליטעט, דאָך ברענט אין אים דער באַוואוסטזיין אַז עס איז פאָרט דאָס ברענענדיקע וואָרט וואָס באַלויכט די וועלטן און וועט סוף כל סוף טריאומפירן איבער די פינצטערנישן. און ווען דער מחבר וועט אין אַ נאַכט פון פינצטער־פייערדיקן ווינט און רעגן, פון ווינטער וועלט־איינזאַמקייט און פון שטורעם, זיך אומקערן מיט זיין נפש צום אַלמעכטיקן, וועט עס זיין מיט זיין פאַרזשאַווערט־אָפּגענוצטער פעדער און מיט זיין ציטערנדיקער און צעבראָכענער האַנט:

— רבונו של עולם! — וועט ער אויסשרייען, — אַלמאַכטיקער גאָט פון הימל און פון ערד! איך האָב געפּרוּווט מאַכן קוים אַ ברעקל פון דער אומגעהויערער וועלט־קאָרעקטור. גאָט! — וועט ער מיט אַלע זיינע רמ״ח־אבֿרים אויסציטערן און אויסשטורעמען, — איך האָב געטריי און מיטן גאַנצן לייב און נפש געדינט צו דיין מעכטיק וואָרט. איך האָב זיך קיינמאָל מיטן וואָרט נישט לייכטזיניק און קינדעריש געשפּילט — נייערט איך האָב דערמיט פאַרבלוטיקט און זיך געוואָרגן און זיך בלוטיק געראַנגלט דאָס האַרץ, אַזוי ווי אַ סאָלדאַט אויפן שלאַכטפעלד... גאָט אַלמאַכטיקער! וועלכע עס זאָל נישט געוועזן זיין מיינע זינד, קען איך אָבער שטאָלץ און אומדערשראָקן זאָגן: איך האָב דורך מיין גאַנץ לעבן געזוכט צו אומענדערן די פסוקים פון דיין אומגעהויערן לעבנס־ספר... איך האָב דאָרט מיט אָנגעצונדענע גאָלד־קרוינען באַקרוינט די אומגליקלעכע און יסורימדיקע. איך האָב געשענקט מיין אויפגעשניטענע צונג צו די שטומע און צו די פאַרשטיינערטע. און זיי האָבן דורך דעם אויפבראָך און אויפבליץ פון מיין וואָרט געוויינט און געלויכטן און אויסגעשטורעמט זייערע ווילדע, מענטשלעכע טרויערן...

אָט אַזוי וועט דער מחבר רעדן צו גאָט אין דער נאַכט פון זיין פינצטערן שטאַרבן, ווען זיין נשמה וועט ציטערנדיק אויפשטייגן צום גרויסן געטלעכן כישוף פון דער הימלישער וועלט און צום געמיט פונם אַלמאַכטיקן, וואָס האָט מיט זיינע אייגענע, הייסע הענט אויסגעקנאָטן אַלע גופים און אויסגעדיכטעט אַלע נשמות און אויסגעחלומט אַלעמענס גורלות... אָט אַזוי וועט ער רעדן צום רבונו של עולם אין דער פינצטערער נאַכט פון זיין ערדישן סוף.

***

דאָס איז געווען די פּרימיטיווע פאָרשטעלונג פון גאָט און פון זיין ריכטן די מענטשן אין מיין קינדהייט. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָב איך ממש דערזען אין גאָט אַ קאָלעגע־קינסטלער. אַ אין גרונט אוניווערסאַלן שריפטשטעלער... דער רבונו של עולם שאַפט דורך יעדער נאַציאָנאַלער לשון־סימפאָניע און פאָלקלאָר. ער דערגייט צו אַלוועלטלעכקייט, צו אוניווערסאַליזם — דורך די פעלקער. ער, דער אומגעהויערער, קאָסמישער מחבר שאַפט די גראַנדיעזע אוניווערסאַלע נאָוועלע. דאַנטע, שעקספּיר און באַלזאַק אימיטירן גאָט אין זייערע קאָמעדיעס און טראַגעדיעס.

איז די דאָזיקע קאָסמישע ליטעראַטור אין גרונט בלויז אַ שפּיל אַזאַ? אַן עקספּערימענט בלויז פון גייסטיקער עוואָלוציע? צעוואַרפט דער רבונו של עולם די פיגורן פונם הימלישן שאַך־ברעט אויפדאָסניי אין יעדן דור, כדי אָנצופאַנגען אַ שפּאָגל־נייעם וועלט־שפּיל? איז גאָט בלויז אַ קאָלאָסאַלער שריפטשטעלער פאַר אונז, ליטעראַטן, פּונקט ווי ער איז אַ קאָלאָסאַלער מאַטעמאַטיקער פאַר די מאַטעמאַטיקער און אַ קאָלאָסאַלער אַרכיטעקט פאַר די מענטשלעכע אַרכיטעקטן? איז דאָס מענטשלעכע און חיהשע און אינסעקטישע לעבן בלויז רוי־מאַטעריאַל צום הימלישן קינסטלער?

דאָס זיינען, דאַכט זיך, קינדישע מחשבות. פונדעסטוועגן טראַכט איך: אפשר שרייבנדיק דינען מיר גאָט אין זיין העכסטער טוּאונג. אפשר איז דאָס שרייבן אַ געטלעכער פּראָצעס טאַקע — און נישט בלויז אַ קינדערישע פאָרשטעלונג. און דער געניאַלער שרייבער איז ממש אַ שותף צו גאָטס וועלט־באַשאַף און גאָטס קאָסמישער הערשאַפט. אפשר איז טאַקע גאָט נישט בלויז שעפער, נאָר אויך לייענער. ער לייענט געטרי די וועלט־ליטעראַטור און ער בויט די וועלט לויט מענטשלעכע אידעאַלן און פאָרשטעלונגען. אפשר פאַרנעמט ער די טענות פון די נביאים...

***

איך האָב אָנגעהויבן איינצוזען אין שפּעטערדיקע יאָרן ווי אַזוי שטיקער קינדהייט קריגן זין און באַדייטונג צום רייפנדיקן קינסטלער. ווי אַזוי דער קינסטלער שעפּט דורך זיין גאַנצן שעפערישן לעבן דווקא פון די סאַמע נאַאיווסטע, מכלומרשט אומוויכטיקע געשעענישן אין זיין לעבן, וואָס וואַקסן שפּעטער אויס צו סימבאָלן און זיי באַהערשן דאָס גאַנצע קרעאַטיווע לעבן פונם שעפער און זיי דיקטירן און דעצידירן זיינע ווערק.

עס איז אין מיר פּלוצלונג אויפגעגאַנגען דאָס באַוואוסטזיין, דאָס געוואויר ווערן, אַז אַלץ וואָס איך האָב ביז איצט געשריבן, איז אַ רעזולטאַט פון די סאַמע ערשטע איינדרוקן, אין דעם בראשית פון מיין לעבן. אַז די שטורעמווינטן, שנייען און זאַווערוכעס וואָס ווייען אין מיינע ווערק זיינען פון די ערשטע אורשנייען און אויפשטורעמס פון מיינע אוראַלטע זיידעס און באָבעס. אַ גרויס געוואויר ווערן איז אויפגעגאַנגען אין מיר. אַ געוואַלטיק ליכט האָט באַלויכטן מיין נשמה. און עס האָט מיך געצויגן צום סאַמע קאָרזשן פון מיין קינדהייט. צום שורש. צו די ערשטע פּנימער וואָס מיינע אויגן האָבן אין זיך אַריינגענומען. צו די ערשטע ביימער, שוועלן און פּלויטן. צו די גאָר ערשטע איינדרוקן. צו די סאַמע וואָרצלען פון מיין זיין. צו די ערשטע וואָלקנס וואָס כ׳האָב דערזען אויפן הימל און די ערשטע ווערטער אויף דער ערד. איך האָב געוואָלט זיין וואָס נענטער צו מיין אור־לעבן, צו די ערשטע קוואַלן וואָס האָבן גענערט מיין גייסטיק לעבן.

***

די דאָזיקע אויבנגעשריבענע ווערטער זיינען אַ מין פאָרוואָרט צו אַ צוקונפטיק בוך, אין וועלכן דער מחבר חלומט צו מאַכן אַן אימפּולסיווע און הייסע פאַרצייכענונג פון אַלץ, אָדער וויניקסטנס פון בלויז אַ היפּשן טייל, וואָס ער איז געווען אימשטאַנד זיך צו דערמאָנען אין די שפּעטערדיקע יאָרן פון זיין לעבן. פון זיין גאַנץ לעבן אָן, ביז צום דאָזיקן טאָג פון גליטש און געפרוירענעם רעגן און שניי, ביז צום סאַמע היינטיקן שלעכטן און געפערלעכן וועטער, וואָס דער מחבר נעמט אויך מיט ליבשאַפט אַריין אין די בלעטער פון זיין פּראָזע — אַזוי ווי ער נעמט אַריין אַלע וועטערן פון זיינע טעג און נעכט אין דעם בוך פון זיין לעבן...

ניו־יאָרק, 9 יאַנואַר, 1956.


לעאָ ליאָוו יובילײ קאָנצערט

לכבוד זיין 80טן געבוירנטאָג

זונטיק, דעם 5טן יאַנואַר, 2 נ. מ.

טאַון האָל 113 וועסט 43טע גאַס, ניו־יאָרק

פּ ר אָ ג ר אַ ם:

כאָר פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד

אונטער דער לייטונג פון ל ע אָ ל י אָ ו ו

מיט דער מיטווירקלונג פון:

אַרבעטער־רינג כאָר, ל אַ ז אַ ר ו ו י י נ ע ר — דיריגענט

איד. קולטור געז. כאָר, ו ו ל אַ ד י מ י ר ח פ ץ — דיריגענט

סאָליסטן:

נאָרמאַן עטקינס — באַריטאָן

(מיט פידל און טשעלאָ באַגלייטונג)

אפרים סילווער — עמוד קינסטלער

מאַשאַ באַניא — סאָפּראַנאָ

בילעטן: $3.00, $2.00, $1.50, $1.00

צו באַקומען

CITY COMMITTEE, FARBAND, L. Z. O.

45 East 17th Street, New York City

OR 3-6500

and

METRO MUSIC COMPANY

64 - 2nd Ave., New York City

אידיש פון די ענגלישע אוצרות־קוואַלן, איז פאַרטראַטן אין דעם יאָרגאַנג מיט גאָר שיינע זאַכן. איין זאַכעלע, „אַן עפּיזאָד" מיט אַן אַלטזינג־פייגעלע, וואָס איז איבערגעקומען אַ שניי־זאַווערוכע און איז לעבן געבליבן פון שניי־שורם צו מקבל פנים זיין איר באַלעבאָס אין אַ צעשטערטן קאַבינעט, איז זייער וואַרעם געשילדערט און ברענגט אַרויס קלאָר אַ מוסר השכל . . . ; אין אַ צווייטער זאַך, דערציילט ער זכרונות פון די קינדער־יאָרן, ווי אַזוי זיין טאַטע איז אין געפערלעכן שניי־שטורם געגאַנגען צו זיין מאַמעס קבר אין איר יאָרצייט־טאָג. די באַשרייבונג איז וועגן אַ אידן פול מיט עקשנות וואָס ווייזט ווי עקשנות, רעליגיעזע עקשנות, האָט פּרעזערווירט אונזער פאָלק. מיט אַן אַנדער אַרבעט — איינדרוקן בשעת לייענען און לערנען לוצקיס לידער — קערט זיך אום דער מחבר צו זיינע ליטעראַרישע עסייען און אין אַ קורצע, אָבער גוטאויסגעטראַכטע און פיין־געפורעמטע אָפּהאַנדלונג גיט ער דעם לייענער אַ שטאַרקע אָפּשאַצונג פון די לידער פון דעם ניט־לאַנג נפטר געוואָרענעם דיכטער א. לוצקי.

בערל בוים, איז באַקאַנט אונזערע לייענער מיט זיינע האַרציקע דערציילונגען און בילדער פונם אַמאָליקן אַמאָל. זיינע זאַכן — איבערהויפּט די מעמואַריסטישע וועלן פאַרבלייבן אַ וויכטיקער ביישטייער צו אונזער ליטעראַטור. ער האָט זיך באַטייליקט אין אַלע נומערן דעם יאָר. אַ גרעסערע דערציילונג איז געווען „דער אָנהויב פון דער פּעלשטינער ביבליאָטעק" — אַ זכרונות־דערציילונג און אויך אַ קאַפּיטל וועגן זיינע מלמדים, א. ט. „מיין פינפטער מלמד . . ." דיביידע זיינען וויכטיקע היסטאָרישע ציגל אין בנין פון אונזער ליטעראַטור. די אַנדערע דערציילונגען זיינען אויך וועגן שטעטל — אָבער אַמעריקאַנער אידישן שטעטל. פיין באַאַרבעט איז „ווי אַ וועלטלעכער איד פּראַוועט אַ יאָרצייט". די באַשרייבונג ווי אַזוי מען קלייבט אין שטעטל ביכער פאַר אַ ביבליאָטעק אין מדינת־ישראל איז העכסט אינטערעסאַנט און דאָקומענטאַר. און אַפילו דאָס בילד „אַ נסיעה אַזאַ פונם לעבן פון אַ שטעטלשן מאַנופעקטשורער" געהערט אויך אין היסטאָריש־רעאַליסטישן ראָם. בערל בוים פאַרמאָגט אַ שאַרף אויג, אַ חוש פאַר דעטאַלן און אַ לייכטע בויגזאַמע שפּראַך. אַחוץ דעם זיינען אויך אינטערעסאַנט און לעבעדיק זיינע דערציילונגען און ביידע וואַרטן אויף טאָוולען און איינבונד.

בת־שבע (לילי) בענדער. ווילט זיך אין דעם אינוועטאַר פאַרשטעלן דעם נייעם טאַלאַנט וואָס אונזער רעדאַקטאָר האָט אויסגעקאָלומבוסט.

פרוי בענדער איז פון די שארית־הפליטה, פון די געראַטעוועטע — אַן איד מוצל מאש. (ווי איינער וואָס האָט פאַרבראַכט אין דער ישיבה אין ביאַליסטאָק אויף סאַראַזער גאַס און געוואוינט אויף די פּיאַסקעס אין ביאַליסטאָק איז דער פענשפּיצלער גאָר צופרידן אַז חברה בענדער איז אַ ביאַליסטאָקערין). די עטלעכע לידער וועלכע זיינען פאַרעפנטלעכט אין דעם יאָרגאַנג, ספּעציעל די פּאָעמע „אידיש" ווייזט אויף אַ פּאָעטישן כוח וואָס האַלט זיך אין אַנטוויקלען. איר ליד איז צאַרט, קלאַנגפול, ריטמיש, ליריש און נאַציאָנאַל. דער שרייבער דערוואַרט פיל פון איר פען.

עס איז אַלעמאָל אַן עונג רוחני צו לייענען אַ ליד אָדער אַ פּאָעמע פון לוי גאָלדבערג. ער איז אַ פּאָעט פון די אַמאָליקע בראָנזווילער „יונגע" און די גאַנצע צייט וואָס דאָס "ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט" דערשיינט איז ער אַ חשובער באַטייליקער און ביישטייגער. אין דעם יאָרגאַנג איז ער פאַרטראַטן מיט לידער — טיף פילאָזאָפיש און אין נאַציאָנאַלן טאָן.

געוויינלעך פאַרבינדט מען דאָקטוירים מיט קראַנקהייטן, מעדיצינען, ווייטאָגן, אָפּעראַציעס און נאָך ערגערס. דר. יעקב ב. גלען איז אַחוץ אַ מעדיקער און געלערנטער (ער איז אַ גרויסער העברייער, געשריבן פיל אויף דער שפּראַך, אַ תלמודיסט און אַ בעל־תנ"ך). אַ שרייבער מיט אַ צאַרטן געפיל און שאַרף אויג און דורכגעדרונגען מיט פּסיכאָלאָגישער פיאיקייט אָפּצושאַצן זאַכן, מענטשן און געשעענישן. שוין עטלעכע יאָר ווי ער פאַרעפנטלעכט זיינע „בילדער פון שפּיטאָל לעבן" און וואָס מער ער דרוקט זיי, אַלץ גרעסער ווערט דער אינטערעס צו זיי. איינע פון זיינע הויפּט־כאַראַקטעריסטיקעס אין שאַפן איז דאָס וואָס ער קאָן דעם „סוד הצמצום": ער פּאַקט אַריין אין אַ קורצער זאַך וואָס עס וואָלט פאַרנומען פיל זייטן. און דאָס איז אַ באַזונדער טאַלאַנט. נעמט אַ שטייגער זיין בילד „ביים סדר אין שפּיטאָל", אָדער די צווייטע זאַך „אין פאַרצווייפלונג" — אַ ביסל אַ לענגערע זאַך, ווערט איר באַלד אַריינגעכאַפּט אין דער אינטערעסאַנטער טעמאַטיק און קענט זיך ניט אָפּרייסן. דער איינדרוק פון דאָס געלייענעטע בלייבט לאַנג מיט אייך.

און אַחוץ די סעריע בילדער האָט דר. גלען אין דעם יאָרגאַנג פאַרעפנטלעכט אַ וויכטיקן דאָקומענט — אַ דאָקומענט פון אַ גרויסן שרייבער וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט אויף די געדרייטע וועגן פון לעבן און ווי אלישע בן־אבויה אין די צייטן פון די תנאים אַוועק צו ווייט פון זיין פאָלק. דאָ רעדט זיך וועגן אַ בריוו וואָס שלום אַש האָט געשריבן צו דר. גלען וועגן זיין אייגענער שוועסטער וואָס איז געווען זיין פּאַציענט. קיין ביאָגראַפער פון שלום אַש, פון וועלכן שטאַנדפּונקט ער זאָל ניט שרייבן, וועט זיך ניט קענען דערלויבן ניט צו רעכענען זיך מיט אָט דעם אויטענטישן בריוו.

דערמאָנען מיר שיע טענענבוים שטייען מיר פאַרוואונדערט און פאַרכאַפּט איבער דעם גרויסן פאַרנעם פון זיין טעמאַטיק. ער פאַרמאָגט שוואונג און פאַרשטעלונג, פלי און פאַרכאַפּונג, זיינע אימאַזשן זיינען קאַלײדאָסקאָפּיש און זיין שפּראַך — קאָסמיש, און דאָך זיינען זיינע העלדן איינפאַכע מענטשן, מענטשן וועלכע מיר קאָנען. זיין טעמאַטיק, אָבער, איז ווי אויסגעשטאַלט און אויסגעאייזנט, דורכגעברענט מיטן פייער פון שאַפן — זיי ווערן קלאַסישע פיגורן. און צו וואָס ער נעמט זיך — ווי דער כישוף־מאַכער מיט זיין צויבער־שטעקעלע — ווערט פאַרוואַנדלט אין אַין פאַרבנרייכן טעפּיך, אַ פליענדיקער קאָבריץ אין ווייטן מזרח.. . קוקט אַריין אין אינהאַלט־פאַרצייכעניש און לייענט נאָכאַמאָל די דערציילונגען זיינע. איך וועל לאַנג געדענקען זיין דערציילונג „איר מאַנס אַש . . ."

אַן אויסערגעוויינלעכע עסיי פון זיין פען איז „אַנאַ פרענקס טאָג־בוך" געווידמעט דעם זכרון פון דער יונגער מאַרטירערין וואָס האָט אויפגעריסן דער וועלטס געוויסן. די עסיי וועגן שלום אַש דאַרף אויך פאַרנאָטירט ווערן.

מ. ירדני פירט אָן מיט די זעלביקע „פּיטשורס" זיינע, אָבער הייאָר שרייבט ער אין אַ שפּאָגל־נייעם סטיל. קורצע זאַצן : סענטענצן וועלכע מאַכן דעם איינדרוק פון פּראָזע אין פּערזן. און אַחוץ דעם האָט ער עטלעכע רייזע־באַשרייבונגען פון דרום־אַמעריקע וואו עס שפּיגלט זיך אָפּ דאָס אידישע לעבן דאָרטן.

אַלעקסאַנדער לאַקשין איז פאַרטראָטן אין דעם יאָרגאַנג מיט אייניקע אַרטיקלען. אָבער אַ גאָר גרויסן יישר־כוח קומט אים פאַר זיין אָפּהאַנדלונג פון דניאל פּערסקי, צו זיין ווערן זיבעציק יאָר. פּערסקי איז טאַקע דער העברייער און דאָס „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט" איז דעדיקירט צו אידיש קודש. אָבער דאָס שטערט ניט איינער דעם אַנדערן. דווקא די גרויסע ליבהאָבער פון אידיש מוזן ליב האָבן העברייאיש — הלוואי וואָלט מען עס געקענט זאָגן אויפן צווייטן צד אויך. פּערסקי, אָבער, וואָס רעדט ניט מיט קיינעם וואָס פאַרשטייט העברייאיש קיין אַנדערע שפּראַכן אַחוץ העברייאיש האָט אַליין געענטפערט דעם רעדאַקטאָר אַ דאַנק־בריוו (אין נומער פון אָקטאָבער) וועלכן דער רעדאַקטאָר האָט פאַרטרעפלעך געקעפלט : „ווען פּערסקי צעפאָלקסטימלעכט זיך אין מאַמע לשון . . ."

יצחק ליבמאַן דער רעדאַקטאָר וואָס איז דער רוח־החיה אין די רעדער פון „וואָכנבלאַט", וועלכער מוז זאָרגן פאַרן פינאַנצירן, אַרויסגעבן, צעשיקן, רעדאַקטירן א. אַז. וו. די נומערן און האַלטן אַן אויג אויף זיין קולטורעלן אויסזען, געפינט דאָך צייט — איך ווייס ניט ווי אַזוי — אָנצוגיין מיט זיינע אייגענע שאַפונגען. דאָס איז איינער פון די וואונדערס ! ווי אַלע יאָר, פירט ער אָן מיט דער סעריע „בויער און שאַפער פון מיין דור". אין דעם יאָרגאַנג איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ לענגערע כאַראַקטער־ביאָגראַפישער עסיי־פּאָרטרעט, אין פיל המשכים און דרייצן קאַפּיטלעך, פון איסר תלוש. כ׳גלויב, אַז תלוש אַליין וועלכער האָט געשריבן וועגן שרייבער וועט זיין העכסט צופרידן מיט אָט דער אַרכיטעקטאָריש־אויסגעאַרבעטער לעבנס־באַשרייבונג זיינע. וואָלטן מיר

געהאַט אַזעלכע אונטערנעמער ווי די וואָס שטעלן צו אַזעלכע זאַכן ווי דהיס איז יור לאַיף וואָלטן זיי זיך געקענט באַנוצן מיט דעם פּאָר תלושס רייך־אין־אַוואַנטורעס און־ געשעעניש־לעבן. ליבמאַן האָט דאָ פאַרן לייענער אויסגעמייסטערט אַ קונסט־ווערקל אין מיניאַטיור, וואו דאָס בילד פון תלוש קומט אַרויס גרויס און איינדרוקספול.

אַחוץ דעם „בויער און שאַפער״ האָט ליבמאַן אָנגעהויבן אַ „בויער און שאַפער״־עסיי איבער דעם פאַרשטאָרבענעם א. לוצקי. אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד, וואָס דער נפטר אַליין קען דאָס שוין ניט לייענען, סיידן מיר זאָלן גלויבן אין שפתותיו מדובבות בקבר . . .

פון גאָר גרויסן פאַרנעם זיינען זיינע לידער. ס׳איז כדאַי זיי לייענען נאָך אַמאָל ווי זיי זיינען פאַרנאָטירט אין אינהאַלט. איבערהויפּט מאַכט אַ רושם דאָס ליד אין דעם אָקטאָבער־נומער: „דו פרעגסט אויב דאָס איז ליבע״. לייענט נאָך אַמאָל די סטראָפע: „און וואו דו רירסט — צעפּראַלען צוימען, / אין צעוואונדער פון מיין בליק; / . . . און די אברים זינגען גליק . . .״

און צו גאָר אַ גרויסער הויך האָט דערגרייכט די פּאָעמע: „פריילינג — דורך פאַרכמורעטע הימלען״. די פּאָעמע איז שפּראַכלעך קינסטלעריש און קלינגט ווי די זיסטע מוזיק, אי גייסטרייך אין געדאַנקען־גאַנג . . .

ניט וויסנדיק ווער עס איז דער שרייבער הערשל מאַקאַריצער קען דער אינוועטאַריסט, אָן קיין משוא פנים, זאָגן אַז זיינע שאַרפזיניקע אַריינזאָגעכצן זיינען פאַרטרעפלעך און צוגעפּאַסט. הייסן הייסט די סעריע פעליעטאָנען „יוניאָן סקווער איין און פערציק״ — געזען, געהערט און פאַרציכנט. — אַלץ הייסט פאַרציכנט! איך קען מיט רעכט זאָגן אַז די סעריע איז מער בייסנדיק, מער שאַרף, מער אַריינזאָגנדיק ווי עס געווען די סעריע פון נים דעראנא און פון די אַנדערע פון זעלבן מין. ווער עס זאָל ניט זיין דער שרייבער וואָס באַהאַלט זיך אונטער דעם נאָמען, קומט אַ יישר־כוח דעם רעדאַקטאָר פאַר פאַרעפנטלעכן זיי. אונזער גאַס דאַרף האָבן אַזאַ קערער מיט אַזאַ בעזים . . .

און קען מען דען מאַכן אַן אינוועטאַר פון „וואָכנבלאַט״ און ניט דערמאָנען מיט באַגייסטערונג און באַוואונדערונג אונזער יונגע יענטע סערדאַצקי, — וועלכע איז געוואָרן — לאָרך ימים ושנים — 80 יאָר יונג, און האָט באַשריבן אַ פערזענלעכן איינדרוק א. ט. „עס ברענט״ פון אַ וויזיט פון דעם רעדאַקטאָר־עסייאיסט־פּאָעט יצחק ליבמאַן ביי איר? (כדאַי צו דערמאָנען דאָ ווי געוויסע צייטונגען אונזערע וועלכע האָבן געמוזט נעבעך דערמאָנען אונזער יענטע סערדאַצקי צוליב אירע זכרונות, די וויכטיקע, וועגן י. ל. פרץ האָבן פאַרגעסן דעם נאָמען פון „וואָכנבלאַט״ און אים גערופן מיט פאַרשיידענע נעמען. וואָס איז דאָ די מורא: קאָנקורענציע פון „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט״?). ווילט זיך דאָ אויסדריקן דער וואונטש אַז זי זאָל אונז נאָך פּאָר פיל יאָרן מזכה זיין מיט איר שרייבן. כה לחי, יענטע סערדאַצקי!

יאָסל קאָהן האָט גאַסטראָלירט נאָר אַ פּאָר מאָל, אָבער עס איז גוט צו לייענען זיין „אין אינטימען טאָן״ און דער איין חסרון איז — וואָס ער האָט ניט מער געשריבן היי־יאָר. זיכער איז, אַז די לייענער וואַרטן אויף אים ניט ווייניקער ווי עבדכם, דער שרייבער פון די שורות.

אויב די צוויי שרייבער־פּובליציסטן ווערן דערמאָנט ווי איין פּאָר איז דאָס ניט צוליבן נאָמען נאָר צוליב זייער טעמאַטיק. ביידע זיינען באַרימטע פּובליציסטן: איין (יוד) י(שראל) ראַבינאָוויטש איז רעדאַקטאָר פון „קענעדער אָדלער״ און דער צווייטער (יוד) י(חזקאל) ראַבינאָוויטש איז אַ מיטאַרבעטער אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל״ און איז אַן אַלטער, אויסגעפּרואווטער זשורנאַליסט, איינער וואָס האָט דעבוטירט אין זיין פריסטער יוגנט אין „השלוח״. די אַרטיקלען פון די ביידע חשובע זשורנאַליסטן זיינען אַזוי וואָגיק ווי זיי זיינען פון העכסטן מין גראַד אַקטועלקייט און וויכטיקייט.

דער גרויסער מלומד און אַל־זייטיקער שרייבער אין מחנך פון קאַנאַדע, נ. שמן, איז היי־יאָר געווען פאַרטראָטן מיט עטלעכע באַלערנדיקע אַרטיקלען. מען קען נאָר אויסדריקן דעם פאַרלאַנג אַז ער זאָל אויף להבא ווידמענען זיין פּען צו מער אַרטיקלען פון דעם סאָרט פאַרן „וואָכנבלאַט״. זיין אַרטיקל וועגן שלום אַש איז ראוי צו פאַרציכנט ווערן ווי אַ וואָגיקער בייטראָג צו דער ליטעראַטור איבער דעם שרייבער וואָס האָט פיל געזינדיקט קעגן זיין פאָלק, אָבער האָט אויך פיל גרויסע פאַרדינסטן. נ. שמן ברענגט קלאָר אַרויס אָט די מלחמה אין דעם שריפטשטעלער.

ווערט דאָ אויסגעדריקט די האָפענונג אַז נ. שמן וועט אונז אָפט מהנה זיין אין אָט דער טריבונע פון זיין ערודיציע.

תלוש איז פאַרטראָטן אין יאָרגאַנג מיט אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דעם ארץ־ישראלדיקן אידישן פּאָעט אברהם לעוו, און מיט אַ דערציילונג וועגן דאָס לעבן פון א. לוצקי.

אונזער קריטיק ליידעט אָפט וואָס די קריטיקער אַליין זיינען ניט קיין קינסטלער. זיי האַלטן פון אַלטן כלל: נקל להיות מבקר מלהיות מחבר. תלוש, אַליין אַ שאַפער קאָן — ווען ער שרייבט אַן אָפּהאַנדלונג וועגן אַ שרייבער מיט אַ שטריך, מיט אַן אויסדרוק אַרויסברענגען דאָס בעסטע אין דעם באַשריבענעם.

ווי שוין דערמאָנט פריער: צום באַדויערן קען איך ניט וועגן אַלעמען מאריך זיין. אַ וואָרט האָט געדאַרפט געזאָגט ווערן וועגן די אַלע פּאָעטן, איבערהויפט י. פּאַפּיערניקאָוו, א. לעוו, רבקה קאָפּע; עס האָבן אויך געדאַרפט דערמאָנט ווערן די לידער פון גיטל ציטרין, ראָזע קרעדיטאָר, י. גובקין, יאַני פיין, ש. סימכאָוויטש, חנה בושעל־סאַלאָוו, ריינע אפער, ש. י. לאַנדינסקי (ע״ה), נחמה יאַניטש, א. ראָזען, א. א. וו.

עס זיינען אויך ניט פאַרהאַנדלט געוואָרן באריכות די דערציילונגען און די אַרבעטן פון א. תפוחי, יעקב כהן, ש. לאַנשין, ש. גובערעק, צבי לעדער, ש. לאַנשין, דוד דענק, מ. פריד, ירחמיאל בורשטיין און סילוויע גאָלדבערג.

(אַנמערקונג פון רעדאַקטאָר: און וואָרום ווערן פאַרשוויגן דר. מנחם ג. גלענס אַרבעטן? — אין שבועות־נומער: פון יוני, „גאָט האָט דעם הימל געבוירן״ מיט אַ פאָטאָסטאַט פון דעם פּיוט־פּזמון ארכין ה׳ שמיא איז אַן אַרבעט פון גרויס פאַרנעם — אַ פּאַסיקער המשך פון די אַנדערע ליטורגישע אַרבעטן זיינע. דאָס בילד „אין תשובה טעג״, דערשינען אינם ראש־השנה־יום־כיפור־נומער, געהערט צו זיינע היימישע בילדער וועלכע האָבן אים באַרימט געמאַכט, ספּעציעל אין זיין בוך על גדות הניימאַן וועלכן קאָלעגע בערל בוים באַשרייבט אין זיין יאָר־צייט־בילד.

דער פענשפּיצלער האָפט אַז די וועלכע זיינען ניט באַשריבן געוואָרן היי־יאָר וועלן אים מוחל זיין — זייערע אַרבעטן וועלן אויך אַרומגעשריבן ווערן: פּשוט, עס איז געטאָן געוואָרן מחוסר מקום מער ווי מחוסר רצון . . . אויך זיינען עטלעכע פון די ניט באַשריבענע באַשריבן געוואָרן אין אַנדערע מימים ימימהס.

עס ווילט זיך ענדיקן מיטן אַן אינטערעסאַנטן שטריך: אין דעם נומער פון אָקטאָבער, אויף לעצטער זייט איז פאַראַן אַ מודעה אויף ענגליש פון דער חברה צער־בעלי־חיימניקעס פון קעץ. די וועלכע קומען צו די אהבת אידיש מיטינגען (אַ זאַך וואָס דער שרייבער האָט נאָך ניט באַוויזן צו טאָן), קאָנען געוויס דעם ניט־איד ראָבערט קענדל, וועלכער קומט דאָרטן אָפט. ער איז דער פּרעזידענט פון דער וועלט־אָרגאַניזאַציע און איז אַ חסיד פון אונזער רעדאַקטאָר יצחק ליבמאַן. אין דעם יובילעי־נומער איז פאַראַן פון אים אַן אַרטיקעלע וועגן ליבמאַנען. הלוואי וואָלטן פיל פון אחינו בני ישראל געהאַט די זעלבע ליבע און די זעלבע באַציאונג צו דעם בויער און שאַפער פון אונזער דור!

---

## דער שרייבער לעאָן גלעזער אין שפּיטאָל

אונזער ליבער פריינט לעאָן גלעזער, מחבר פונם בוך „פון ירושלים ביז ניו־יאָרק״, געפינט זיך אין מאָונט סיני שפּיטאָל, וואו ער האָט דורכגעמאַכט אַן אָפּעראַציע. מיר ווינטשן פריינט לעאָן גלעזער אַ רפואה שלמה.

---

איר וועט פיל העלפן דעם „וואָכנבלאַט״ ווען איר וועט גלייך אַריינשיקן פאַרן אַבאָנעמענט פון 1958. דאָס „וואָכנבלאַט״ האָט ניט, לייענער, קיין סעקרעטאַרן און קיין פאַרוואַלטער. וואַרט ניט, דעריבער, אויף קיין בילס.

אַסיפ וואָלינסקי

# נח שטיינבערג — דער איינציקער און זיין אייגנטום

**(אויסצוג פון אַ רעדע, געהאַלטן ביים יוניאָן־סקווער־קרייז „אהבת אידיש“)**

ליבער פּאַרזיצער און פריינט יצחק ליבמאַן און חשובע קאָלעגן!

איך בין געקומען זיך טיילן און באַטייליקן אין אייער טרויער נאָך אַ פריינט און קאָלעגע — נח שטיינבערג. בין איך דאָך, ווי איר אַלע, פאַראבלט!

אַן אינטימע הזכרה צום שלושים, אין דעם אינטימען בית־הספר פון „וואָכנבלאַט“, נאָך אַן איינזאַמען לעבן — איז דער גורל און באַרוף פון נפטר!

פול זיינען אייערע פּאָליצעס מיט צייטונגען, זשורנאַלן און ביכער; מיט זוניקע אידישע אותיותלעך, וועלכע באַווייזן פונקט ווי מיר אַ ריטער פון אידיש לשון און אַ היטער פון אידיש וואָרט.

די אידישע ליטעראַטור פאַרמאָגט גרעסערע דיכטער, טיפזיניקערע עסייאיסטן און פאַרבנרייכערע ליטעראַטור קריטיקער — דער פאַרשטאָרבענער נח שטיינבערג קאָן זיך אָבער זיכער פאַרגלייכן מיט אונזערע פאַרנעמסטע אין ערנסטקייט, אויפריכטיקייט און ערלעכקייט צו זיך גופא, ווי צו די קאָלעגן פון דער שרייבער משפחה.

אין דרויסן גיסט איצט אַ רעגן. דער הימל איז פאַרנעפּלט. די שטימונג היינט אָוונט — באמת אַ שווערע. איין לוויה נאָך דער צווייטער! די פאָנען־טרעגער פון מאַמע־אידיש — די שפּראַך פון אונזער היסטאָרישן געראַנגל פאַר המשך און קיום פאַר דורות און דורות — ווערן וויניקער.

ערשט באַווינט אונזער באַגאַבטן און אייגנאַרטיקן דיכטער — א. לוצקי, און שוין דער פרישער קבר פון נח שטיינבערג!

יאָ, די צייט לויפט מיט אַזאַ שנעלער טעמפּאָ און פאַרשניידט, ווי מיט אַ קאָסע, די וואָרט־ און פען־וועטעראַנען פון אונזער דור, און ווי פאַריתומטע קינדער פון שטורעם און דראַנג טרייסטן מיר זיך מיט טיפן גלויבן אין נצח ישראל, אין מאַמע־אידיש! אין רעטראָספּעקט שרייט דאָס האַרץ: „נאָך קיין נחת ניט געהאַט, שוין אַוועק די יאָרן“!

באַקאַנט האָב איך זיך מיט נח שטיינבערגן מיט פופציק יאָר קריק. געקומען איז ער צו מיר אין שטוב, אין דזשובעלי סטריט, לאָנדאָן, ענגלאַנד, און געבראַכט האָט ער מיר אַ ספּעציעל אָנגעשריבן אַרטיקל, פאַרן „אידישן טרייד יוניאָניסט“, אַ צייטשריפט, אַרויסגעגעבן פון אַ גרופּע אידישע יוניאָנס, אונטער דער רעדאַקציע פון מיין וויניקייט.

אָ, וויפל טרוימען און יוגנט חלומות אין די שורות פון זיין געשריפט, וויפל גלויבן אין וועלט און מענטש אין אַ נייער „יונג לאָנדאָן“ — דער צענטער פון אַ שטראָמיקער אידישער אימיגראַציע און אַ שטורמישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג צו באַפרייען די גאַנצע וועלט און איבערהויפּט דאָס צאַריסטישע רוסלאַנד!

ברוך ריווקין, דער שפּעטער באַרימט־געוואָרענער עסייאיסט, פובליציסט און ליטעראַטור־קריטיקער איז שוין געווען אַ מיטאַרבעטער אין „אידישן טרייד יוניאָניסט“. איז די צייטונג באַרייכערט געוואָרן מיט אַ נייעם טאַלענט — נח שטיינבערג.

מיר האָבן אַלע געאַרבעט לשמה, אָן אַ גראָשן געצאָלט, און ניט וויניק געהונגערט. ווער האָט אָבער דאַן געגלויבט, אַז הונגער, ליידן, צרות און יסורים — וועלן אים פאַרפאָלגן זיין גאַנץ לעבן?

ברוך ריווקין און נח שטיינבערג — צוויי פריידיקע געשטאַלטן, כאָטש קינדער פון אָרעמקייט און ביטערער נויט, וועלכע האָבן אין זייער נייער היים, קיין היים ניט געהאַט און וואו געטאָגט ניט גענעכטיקט און וואו גענעכטיקט ניט געטאָגט!

זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז די גרויסע שטאָט לאָנדאָן האָט אונז אַלעמען איבערוועלטיקט, געשטאַלטיקט און טאַקע באַשטימט אונזער ווייטערן דרך אין לעבן.

נח שטיינבערג — אַ יונג בחורל, האָט אויך באַלד פאַרשטאַנען, ווי אָפּצושאַצן די ברכות פון פרייער רעדע, פרייער פרעסע און פרייע פאַרזאַמלונגען — האָט ער זיך טאַקע געטוליעט צו דער גרויסער באַוועגונג פון אידישע אימיגראַנטן, וואָס האָט שטורמיש געקעמפט פאַר עקאָנאָמישער אויסלייזונג און מענטשלעכער גאולה.

ברוך ריווקין און נח שטיינבערג — ביידע אידעאַליסטן, אָבער אַזוי אַנדערשדיק נאָך אין לאָנדאָן: ברוך ריווקין, שפּרודלדיק, דינאַמיש, ברויזנדיק — אַ לאַווע־שפּריצנדיקער וואולקאַן, באַרופן צו אייביקן בליץ־קריג קעגן אַלע מאַכט־האָבער און פאַלשע משיחים מיט שאַרפער שווערד־פען און שטיינבערג — אַ שטילער, באַשיידענער, כמעט שעמעוודיקער, פאַרחלומטער אינדיווידיאום — אייביקער טרוימער פון אַ בעסערער וועלט וואָס האַלט אין ווערן און וועט מקוים ווערן אין ווייטן אַמאָל.

ניט אומזיסט, האָט זיך ברוך ריווקין, אין שפּעטערע יאָרן אין אַמעריקע, אָנגענומען די קריוודעס פון נח שטיינבערג און פאַרטיידיקט זיין לעבנס־וועג, פול מיט דערנער און שטיינער!

אָ, ווי שווער און ביטער ס'איז געווען זיין דאָליע!

אין דער גרויסער, רייכער, פיל פאַרצווייגטער אידישער ניו־יאָרק, האָט נח שטיינבערג, ווי אַנדערע פון זיין מין, קיין פּלאַץ ניט געפונען און קיין שטיקל ברויט מיט זיין פען, פאַרדינען ניט געקאָנט!

איז ער געוואָרן א וואָגלער, אַ פּראָווינציאַל — אַן אייביקער זוכער פון אַ ווינקל, אונטער די פרייע הימלען פון אונזער ניי־לאַנד: „יונג אַמעריקע“.

אַ ליידנשאַפטלעכער מתמיד, איז ער אַוועק פון קעסל־גרוב — ניו־יאָרק, האָט זיך כסדר געלערנט און געזוכט צו באַרייכערן זיין וויסן און געטיילט זיך מיט זיין גייסטיקער עשירות מיט זיינע מיטמענטשן.

פרעגט ניט ווי אַזוי ער האָט באַוויזן אַרויסצוגעבן ביכער, כדי צו געבן אויסדרוק צו זיין האַרץ און נשמה־אויסגוס — נאָר די וואָס האָבן דאָס אַליין פּרובירט צו טאָן אונטער ענלעכע אומשטענדן, וויסן דעם ביטערן טעם!

ווען מען נעמט נאָך אין באַטראַכט, אַז נח שטיינבערג האָט געמוזט באַרייזן מרחקים, כדי זיין וואָרט און שריפט אַליין צו פאַרשפּרייטן — פאַרשטייט מען ערשט ריכטיק די יסורים און די אַנטוישונגען פון אַ סענסיטיווער נשמה! וועט ער זיכער קיין חיבוט הקבר ניט דאַרפן ליידן!

פון וואַנען אַזאַ לעבנסקראַפט, פון וואַנען אַזאַ אויסדויער? — מיין ענטפער, אַז גאָר פיל איז אים בייגעשטאַנען זיין נאַטירלעכע עקשנות, זיין טיפע איבערצייגונג און ניט וויניקער טאַקע די לאָנדאָנער סביבה, וועלכע האָט אויף אים געהאַט אַ געוואַלדיקע השפעה און האָט אויסגעפורעמט זיין לעבנספילאָזאָפיע.

האָט ער דאָך געלעבט אין לאָנדאָן אונטער דער השפעה פון די גדולי הדור; איז ער דאָך באַווירקט געוואָרן פון די גרעסטע שריפטשטעלער און ראַדיקאַלע דענקער פון אונזער יאָרהונדערט, וועלכע האָבן באַשיינט די לאָנדאָנער וועלט־אַרענע, באַזונדערס פרינץ פּיאָטר קראַפּאָטקין און רודאָלף ראָקער, רעדאַקטאָר פון „אידישן אַרבעטער“ און פון דער ליטעראַרישער שריפט — „דער זשערמינאַל“.

ער האָט געלערנט אין יענעם חדר, אַז די געשיכטע פון דער מענטשהייט איז מער, ווי אַן אייביקער געראַנגל פון קלאַס קעגן קלאַס — אַז איבער אַלץ און אַלעמען איז דער קאַמף פאַר מענטשלעכער חשיבות, די פרייהייט פון יחיד און זיין גייסט. מאַקס שטירנער האָט די דאָזיקע פילאָזאָפיע אין לעבן אויסגעדריקט און די קלאַסישע ווערטער: דער איינציקער און זיין אייגנטום.

האָט נח שטיינבערג — אַ קבצן — זיך באַטראַכט פאַר אַן עושר און זיינע יסורים געטובלט אין פרייער זון־ליכט און ליבע צו וועלט און מענטשהייט.

די לעגענדע דערציילט, אַז העראַקלעס האָט אָנגעטאָן אַ בלוטיק העמד פון פלאַמען אויף זיין קערפער און איז אין זיי פאַרברענט געוואָרן.

נח שטיינבערג האָט אָנגעטאָן אַ קלייד פון וואָגלעניש און איז אין וואָגלעניש אויסגעגאַנגען.

די לוויה פון נפטר איז אַראַנזשירט געוואָרן פון קראַפּאָטקין

ה. שישלער

# אַ ספּעציאַליסט

(הומאָרעסקע)

נישט פאַר קיינעם געדאַכט לייד איך שוין אַ לענגערע צייט, גרויסע ווייטיקן, קרעמפּן און געשווירן פון די פיס מיינע. כ׳בין גע־ווען פיל מאָל שוין צו פאַרשיידענע דאָקטוירים און ספּעציאַליסטן, וואָס האָבן מיר געגעבן פאַרשיידענע רפואות, פּילן און זאַלבן, אָבער זיי האָבן מיר אויף אַ האָר נישט געהאָלפן.

צוליב מיינע פיס־ווייטיקן, בין איך געוואָרן אַ גאַנצער וועטער־נביא. איך ווייס שוין פון פריער, ווען עס וועט זיין רעגן, קעלט אָדער היצן. דערווייל אָבער איז מיר נישט גוט, צוליב דעם וואָס די פיס מיינע טוען מיר וויי, קאָן איך נישט שטיין, נישט גיין, נישט זיצן, נישט ליגן. די פיס דרייען ווי ביי „ראק ענד ראָל״־טענצער און מיר איז גאָרנישט פריילעך.

אַנומלטן האָט אַ באַקאַנטער מיך געראָטן גיין צו זיין דאָקטאָר. דאָס איז נישט סתם אַ דאָקטאָר, נאָר אַ ספּעציאַליסט מיט אַ גוטן נאָמען, וואָס איז באַרימט און פאַרנעמט זיך אויסשליסלעך מיט דער קרענק פון פיס־ווייטיקן, קרעמפּן, רומאַטיזם, אַרטרייטיס וכדומה.

מיין באַקאַנטער האָט מיך שטאַרק צוגערעדט גיין צו יענעם ספּע־ציאַליסט; ער איז נישט אַבי ווער אַ דאָקטאָר. ער איז אַ גרויסער מומחה אין זיין פאַך, ס׳איז נישט לייכט צו אים צוצוקומען. אָבער איך זאָל גיין, ער וועט מיר העלפן, כ׳וועל אים זיין דאַנקבאַר.

האָב איך באַשלאָסן גיין צו יענעם ספּעציאַליסט. ס׳איז טאַקע נישט געווען אַזוי גרינג צו אים צוצוקומען, קאַרגע צוויי וואָכן האָב איך באַדאַרפט וואַרטן אין דער ריי. כ׳האָב דאָך באַשטימט אים זען, ווייל ער איז אַזוי פאַרנומען, מוז ער טאַקע זיין אַ גוטער דאָקטאָר, ווי מיין באַקאַנטער האָט מיר אים פאַרגעשטעלט.

עס איז געקומען דער גליקלעכער טאָג, ווען איך האָב זיך גע־פונען אין דאָקטאָרס קאַבינעט, און יענער האָט מיך אויסגעפרעגט פון אַלף ביז תיו, ווי לאַנג איך לייד, ווי אָפט די ווייטיקן זיינען. דער ספּעציאַליסט האָט אַלץ פאַרשריבן אין אַ גרויס בוך וואָס איז געלעגן פאַר אים אויף אַ גרייסן שרייב־טיש. נאָכדעם האָט ער מיך אָוועקגע־לייגט אויף אַ בעטל און מיך גענומען באַטראַכטן. געקוועטשט און געדריקט די פיס, געטאַפּט די אָדערן, מיט אַ האַמער האָט ער געקלאַפּט איבער די קני מיינע און לסוף צו מיר זיך אָפּגערופן:

— ווי אַלט זענט איר?

— דריי און פופציק יאָר.

— יאָ, כ׳האָב פאַראויס פאַרשטאַנען, אַז אייער עלטער איז אַזאַ!

— האָט דער דאָקטאָר גענומען דערקלערן, — אייער מחלה האָבן אָפּט מענער אין די יאָרן צווישן פופציק און זעכציק. זייט וויסן, אַז דאָס זיינען די געפערלעכסטע יאָרן פאַר אָט דער קראַנקהייט. איר מוזט זיך גוזהעריק אויפפּאַסן, זיין געהיט. דער עיקר מוזט איר אויפגעבן רוי־כערן, אָדער ווינציקער רויכערן. אַז איר וועט ווינציקער רויכערן, וועט איר ווינציקער ליידן. דער טאַבאַק וואָס איר פאַרברויכט טעגלעך, איז זייער שעדלעך און איז די סיבה פון אייערע ווייטיקן אין די פיס. נעמט דאָס נישט פאַר לייכט. ווייסט איר, אַז לאַבאָראַטאָריע־עקס־פּערימענטן האָבן בפירוש באַוויזן, אַז טאַבאַק איז אַ סיבה פאַר פאַר־שטאָפּונגען פון אַרטעריעס אין אייערע פיס!

מיר איז געוואָרן הייס אין די גלידער מיינע, דער קאָפּ איז מיר געוואָרן שווערער. איך האָב עפּעס געוואָלט זאָגן דעם דאָקטאָר, אויפ־קלערן, אָבער באַלד האָט דער ספּעציאַליסט פאָרטגעזעצט:

— אַלזאָ, איך פאַרלאַנג איר זאָלט אויפגעבן טרינקען. גע־דענקט! קיין אַלקאָהאָל, אַפילו נישט אין קליינע קוואַנטיטעס. אַלקאָ־

---

צוויג פון אַרבעטער־רינג אין לאָס אַנדזשעלעס, אין וועלכער שטאָט ער האָט ענדלעך געפונען אַן אייביקן רו־פּלאַץ.

לייגן מיר היינט אַ קראַנץ בלומען, דורכגעווייקט מיט טרערן אויף אַן אויסגעלאָשן לעבן, וואָס לעבט און גערייט אין אונזערע הער־צער. ערע זיין אָנדענק!



האָל איז נאָך מער שעדלעך פון טאַבאַק פאַר אייער קראַנקהייט. גע־דענקט! ווען איר וועט אויפגעבן דאָס רויכערן און טרינקען, וועט איר פילן גאָר אַן אַנדערער מענטש. איר וועט פּטור ווערן פון אייערע ווייטיקן!

נאָכדעם ווי דער דאָקטאָר האָט פאַר מיר אָפּגעהאַלטן זיין לעקציע, האָט ער מיר פאַרשריבן רפואות און מיר אָנגעזאָגט:

— קויפט באַלד אָט די רפואות, אָבער געדענקט, אַז דאָס ערשטע מוזט איר אויפגעבן דאָס רויכערן און טרינקען! — — —

***

ווען איך בין אַרויס פון דאָקטאָרס קאַבינעט און זיך געפונען אין דרויסן, האָב איך אינסטינקטיוו צעריסן די פאַרשריבענע רפואות זיינע און געטראַכט; ער איז דער אמתער ספּעציאַליסט, — ער האָט מיך פאַראָרדנט אויפגעבן רויכערן און טרינקען, וואָס איך האָב קיינמאָל אין לעבן נישט טועם געווען...

## אין מעמאָריאַם

פאַרשטיינערטע און אָנגעווייטיקטע, שטייען מיר מיט גע־בויגענע קעפּ, דערשטוינט פון דער ידיעה וואָס האָט אונז ווי אַ דונער געטראָפן, — דער פלוצעמדיקער, פריצייטיקער טויט פון אונזער ליבער געטרייער חברה **דזשעני שולץ ע״ה**.

אַזאַ ליכטיקע, זוניקע נשמה! אַזאַ וואַרעמע און איבערגעגעבענע פריינדינע! — אויף אייביק אָפּגעריסן, און אונז, די לעבעדיקע פאַריתומט. — מיר טרויערן הילפלאָז אויף די דאבדין שלא משתכחין. לאַנג וועט זי אונז אין אונזערע קרייזן אויספעלן. ערע איר אָנדענק!

מערע און איזי שולמאַן
סיידי און אייבי רובינסאָן
יצחק און נחמה ליבמאַן
שולמית און אלימלך הערשקאָוויץ
רחל און בען שטיינבערג
מיט אונזערע משפחות

## טרויער אויסדרוק פון „יוניווער יאָנג מענס סאָסייעטי״ אויפן טויט פון דזשעני שולץ ע״ה

די יוניווער יאָנג מענס סאָסייעטי טרויערט אויף דעם שווערן פאַרלוסט פון איר חשובן מיטגליד און לאַנדספרוי,

**דזשעני שולץ ע״ה**

מיר שיקן אונזער טרייסט־וואָרט צו איר טרייען מאַן, יוסף שולץ, צו זיינע קינדער און אייניקלעך.

ערע איר אָנדענק!

מאָריס שוואַרץ, פּרעזידענט

מיר דריקן אויס אונזער טיפסטן מיטגעפיל אויפן גרויסן פאַרלוסט פון אונזער טייערער, האַרציקער, ליבער פריינדין

**דזשעני שולץ**

און שיקן אונזער טרייסט צו אונזער ליבן פריינט יוסף שולץ און צו דער גאַנצער משפחה. איר זאָלט מער פון קיין צער נישט וויסן.

גיטל און ישראל ציטרין

די „וואָכנבלאַט״־משפחה

דריקט אויס איר טיפן צער צו **ישראל לוצקי** (אידישער פילאָזאָף) אויף דעם פאַרלוסט פון זיין ליבער פרוי —

**לאה לוצקי ע״ה**

אין זיין וויכטיקער אַרבעט אויף דער ראַדיאָ און אויף די פאַר־שיידענע פלאַטפאָרמעס — זאָל ער אַ טרייסט געפינען.

יצחק ליבמאַן

# טרויער־אויסדרוק פון יצחק ליבמאַן צווייג 360 א. נ. אַ. פ. אויפן טויט פון חברה דזשעני שולץ ע״ה

מיט טיפן טרויער אין האַרצן, בלעטערן מיר דאָ פאַנאַנדער פאַר דער אידישער עפנטלעכקייט דעם לעבנס־בוך פון חברה דזשעני שולץ ע״ה.

דזשעני שולץ ע״ה איז אין 1907, צו 13 יאָר, געקומען פון יוניוּוע, לובלינער גובערניע, קיין אַמעריקע, און האָט דורכגעמאַכט די חבלי לידן פון אַ שאָפּ מיידל.



דזשעני שולץ ע״ה

אין 1910, אַלס יונגע מיידל, האָט זי אָרגאַניזירט אַ קלוב „גוטע פריינט", פון בחורים און מיידלעך פון איר עלטער, צו אויסלעבן זיך אין אַ אידישער סביבה. אין 1913 גרינדעט זי די „יוניוּוער לידיס עיד סאָסייטי", וואו זי איז פאַר 8 יאָר געווען די פאָרזיצערין. אָט־די אָרגאַניזאַציע עקזיסטירט נאָך איצט, און טוט גוטע אַרבעט סיי פאַר ארץ ישראל און סיי פאַר היגע נויט־ליידנדיקע. אין 1937 ראַטעוועט זי די שול „תורת חיים אנשי ספרד" פון באָראָ־פאַרק פון באַנקראָט. די שול עקזיסטירט נאָך איצט אין אַ פראָספּערירנדיקן צושטאַנד.

אַ רירנדער קאַפּיטל געשיכטע פון איר קהלשער טעטיקייט איז אַ מעשה וואָס מען וואָלט געקאָנט אָנרופן דער גלגול פון אַ ליובאַוויטשער שול, וואָס געפינט זיך נאָך איצט אויף 12טע עוועניו און 41טע גאַס, אין באָראָ־פאַרק. אין 1938 האָבן אַ ריי אידן גענומען זיך אַרויסציען פון יענעם געגנט, און צווישן זיי, מסתמא, אויך די מתפללים פון אָט־יענער שול, וועלכע איז, אין אַ קורצער צייט, פאַרוואַנדלט געוואָרן ממש אין אַ חורבה. די שויבן זיינען געוואָרן אויסגעהאַקט, די טירן — אַראָפּגעריסן, אַן אמתער הימל־שרייענדיקער חילול השם! אָט די הפקרות האָט שוין ניט געקאָנט פאַרשווייגן אַ פּראָמינענטער באָראָ־פאַרקער גלח, און ער האָט גענומען נאָכפרעגן זיך אויף אַן אַדרעס פון אַ אידישן כלל־טוער. האָט מען אים אָנגעוויזן אויף מרס. שולץ, וועלכע האָט שוין דעמאָלט געהאַט דערוואָרבן אַ שם מיט איר שטילן אופן פון טאָן וויכטיקע קהלשע אַרבעטן. ווען זי האָט דערהערט פון גלחס מויל די מעשה נורא פון דער חורבה־שול, האָט זי גלייך גענומען רודערן צווישן פרויען־אָרגאַניזאַציעס; מען האָט גענומען שאַפן „פאָנדן", און — אין אַ שטיקל צייט אַרום — איז די שול באַנייט געוואָרן, און אַ פייערלעכער חנוכת הבית איז דעמאָלט געוואָרן דורכגעפירט. היינט־צו־טאָג איז די שול אונטערן אויפזיכט פון דער ליובאַוויטשער דינאַסטיע.

און אַזעלכע לעגענדאַרע מעשיות פון אירע מעשים טובים זיינען אין לשער: איין מעשהלע אַזאַ הייסט: „הערצלד לאַנדוי הילף געזעלשאַפט", וועלכע האָט אַ רייכע געשיכטע פון נאָבעלער שטיצע פאַר אָרעמע אידישע קינדער; אַן אויפלעבנדיקער כוח פון דער „בעפּטשון עוועניו תלמוד תורה" — איז נאָך אַ שיינע מעשהלע אירס; אירע גאָלדענע רינגען פון מעות חטים, פון מתן בסתר, א. אַז. וו.

די לעצטע יאָרן איז זי צוגעצויגן געוואָרן צו ארץ־ישראל אַרבעט, דורך איר מיגלידערשאַפט אין דער „פּיאָנערן פרויען אָרגאַניזאַציע", און, פאַר די לעצטע פינף יאָר, איינע פון די גרינדער, צוזאַמען מיט איר מאַן, יוסף שולץ, פון דעם יצחק ליבמאַן צווייג 360 אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד. אויב דער יונגער ליבמאַן צווייג אַנטוויקלט זיך אַזוי שיין, אַזוי משפחהדיק־האַרציק, האָט חברה שולץ ע״ה געהאַט אַ היפשן חלק בנשמה און האַרץ אין דעם. די פאַרזאַמלונגען ביי איר אין הויז פון די ליבמאַן־עקזעקוטיווע־זיצונגען זיינען געווען באַנקעט־אַרטיק, און האָבן געהאָלפן צעמענטירן די חברשאַפט פון דעם צווייג.

חברה דזשעני שולץ ע״ה וועט אויספעלן ניט נאָר דעם ליבמאַן־צווייג, ניט נאָר די פילע, פילע אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, נאָר אויך, און מער נאָך, צענדליקער און צענדליקער יחידים, וואָס האָבן גענאָסן פון איר גוט האַרץ.

זאָל איר שיינע נשמה באַלייכטן אונזער וועג, דעם שווערן; זאָלן אירע שיינע מעשים זיין אַ ביישפּיל פאַר אירע צאָלרייכע פריינט און חברים; און זאָל אונזער עכטער טרויער דינען ווי אַ באַלזאַם פאַר איר געטרייען מאַן און לעבנס־באַגלייטער חבר יוסף שולץ, אונזער געשעצטער סעקרעטאַר, און פאַר אירע קינדער, אייניקלעך, משפחה און לאַנדסלייט.

**יצחק ליבמאַן צווייג 360 איד. נאַצ. אַרב. פאַרבאַנד**

מרדכי ירדני, ערן־פאָרזיצער
לואי בלאָק, פאָרזיצער
יצחק איידיק שעכטער, מיט־פאָרזיצער
לואי קאָך, קאַסירער
מאַקס נעלסאָן, אָרגאַניזאַטאָר
ישראל גוטהאַרט, האָספּיטאַלער
שלמה גרינשפּאָן, פּראָט. סעק.
גיטל ציטרין, עקז. פּראָט. סעק.
טאָבי געלער, האָספּיטאַלער

יצחק ליבמאַן

# א. לוצקי

(פון דער סעריע: „בויער און שאַפער פון מיין דור”)

(המשך און — שלוס)

ב.

אויף דער דריטער זייט פון זיין ספר „אַ בוך צום לאַכן”, דערשינען אין יאָר 1948, שטעלט זיך א. לוצקי אַליין פאַר פאַר זיינע לייענער־קויפער:

„דער טיפסטער פאָעט אין אידיש.
„דער גרעסטער מייסטער פון אידיש.
„איינציק אין „באַלעבן” טויטע זאַכן.
„איינציק אין „באַשאַפן” מענטשן צום לאַכן.
„דער איינציקער פריילעכער דיכטער ביים אידישן פאָלק אין דער גאַנצער וועלט.
„צענדליקער טויזנטער אידישע לייענער שעפן פרייד פון לוצקיס לידער.
„דער בעסטער פאַרלייענער פון לוצקי — איז לוצקי”.

***

אַט־די ציטירטע אַרויסרופערישע שורות זיינען, גלויב איך, אַ דאַנקבאַרע אויפגאַבע פאַר אַמביציעזע פסיכאָאַנאַליטיקער, אויף צו צעפּאַלמעסן זיי, און ווייזן אונז וואָס עס שטעקט הינטער זיי. אָבער ביז יענע באַרופענע פּאַלמעסער וועלן קומען, קאָנען מיר, „לעימען”, אויך עטוואָס אָפּלערנען פון זיי. אין דער ערשטער ריי, ווערט דאָ, דאַכט מיר, רעגיסטרירט דער פּראָטעסט זיינער פאַרן בידנעם גורל: צו דאַרפן אַליין אַרויסגעבן און אַליין פאַרקויפן זיינע שריפטן. אין דער צווייטער ריי, וואָס איז, אפשר, נאָך וויכטיקער און כאַראַקטעריסטישער פאַר אים, ווי די ערשטע שטענדיק־ברויזנדיקע אומצופרידנקייט, איז די אומקאָמפּעטענטע קריטיק, אויף וועלכער ער קאָן זיך בשום אופן ניט אָנשפּאַרן. ער, דער סופער־עמפינדלעכער ליריקער, האָט זיכער געמוזט אָנען, ווער עס נעמט אויף זיין אַ־טאַ־מיש זילבנוואָרט דורך דעם ריטם פון אָקסן־טריט (ווינטשעווסקי); ווער — דורך סתם־גראַם־הללויה! (אַלגין, א. אַ.) און ווער דורך קאָנסערוואַטיוואיינגעשטעלטער קרעדאָ פון ניע־פּאַסעראַנישער עקשנות און טעמפּקייט (ניגער).

האָט דער איינגעפונדעוועטער דיכטער מאָריס ווינטשעווסקי אַזוי אויפגענומען לוצקיס ליד:

„עס וועט אפשר זיין אומגלויבלעך. אָבער איך בין באַרייט אָוועקצוגעבן אַ חלק פון מיין חלק לעולם הבא, אַ כוס פון מיין חלק יין המשומר, אַ שטיק פון מיין חלק לויתן. דאָס אַלץ גיב איך אים, אָדער איר, וואָס וועט מיר זאָגן דעם מיין פון א. לוצקיס לידער” („פאָרווערטס”, 1921).

אַפילו אַ פּראָפעסאָר, וואָס פון אים האָבן מיר זיכער געמעגט דערוואַרטן צו פאַרשטעלן אַ דיכטער אין וויסנשאַפטלעכע טערמינען פון ליטעראַטור־קריטיק, האָט גענוצט אַ צעשוואומענע ניט־באַגרינדנדיקע פּראָזע. פּראָפ. ג. זעליקאָוויץ האָט אין „טאָגעבלאַט”, אין 1925, וועגן לוצקין געשריבן כהאי לישנא:

עס ליגט פאַר מיר אַ פּאָעמע פונם באַוואוסטן פּאָעט און אימפּראָוויזאַטאָר א. לוצקי, „דעם רבינס הויז זאָגט תורה”, געדרוקט אין זשורנאַל „צוקונפט”, געווידמעט צום באַרימטן דיכטער אברהם רייזען. די פּאָעמע איז ניט נאָר עכט אידיש און מיט פּרעכטיקע דייטלעכקייט, נאָר אויך אמתע ריינע פּאָעזיע פון דער ערשטער ביז דער לעצטער שורה.

„דעם רבינס הויז” זאָגט ניט נאָר איינפאַכע תורה, נאָר אמת פּאָעטישן פּלפּול.

„איך בין מודה, אַז דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן וואָס איך געפין אין אַ ראַדיקאַלן אידישן זשורנאַל אַזאַ גייסטיקן פּערל”.

אַ פאַרניכטנדיקע קריטיק (אַזוי, אַלנפאַלס, איז דער קריטיקער



דעמאָלט געווען ביי זיך זיכער) אויף לוצקיס לידער אין דעם זאַמלבוך „שריפטן” פון 1920 האָט אין „טאָג” (אויגוסט, 1921) פאַרעפנטלעכט ש. ניגער — מיינענדיק, אַז מיט דעם האָט ער אים אָפּגעווישט לעולם ועד:

„עס איז פשוט אַ זינד זיי צו דרוקן.

„עס הויבט זיך אָן דוכטן דעם לעזער, אַז זיין אַ מאָדערנער דיכטער הייסט... פּלוידערן סתם אין דער וועלט אַריין, אָדער ווייזן קונצן — ווי א. לוצקי אין „אַ זון מיט אַ רעגן”.

„עס פרעגט זיך, וואָס האָט פאַרט א. לוצקי געזען, ווען ער האָט געקוקט אויף „אַ זון מיט אַ רעגן”.

„עס איז דאָך אוממעגלעך צו זען מיט איין מאָל אין דער לופט אי צענדליקע שלאַנגען, אי ליכטיקע זאַנגען, אי גלעזערנע שטאָכעכן, אי זילבערנע זיילן, אי שטאָלענע סטרונעס, אי שפּרינגענדיקע שטאַנגען, אי טאַנצנדיקע מיידל־פיס! און דער תירוץ: ער האָט גאָרנישט ניט געזען און ער ווייזט אונז גאָרנישט.

„אַחוץ — קונצן...

„זיינען די „שריפטן” אַן אָרגאַן פון קונצנמאַכער?

„איז דער „טעמפּל פון דער אידישער פּאָעזיע„ געוואָרן אַ צירק!

„האָט צוליב דעם געלוינט אַזוי צו שלייפן דעם אידישן פערז?”

צוויי יאָר שפּעטער („פרייהייט”, אויגוסט, 1923), איז אונטערגעקומען אַ אינגערער קריטיקער, מיט אַן עטוואָס לייטישערן לשון, און האָט, אין ריטעריש־דראַמאַטישער פּאָזע, אויסגערופן:

„שוין צייט זיך אומצוקוקן אויף לוצקין. צווישן די „אינגסטע” איז ער אַ חידוש, צווישן דער גאַנצער כאָפּטע, קען מען אים דערקאָנען אין איין כהרף עין.

„לוצקי איז מוזיק. וואָס ער זאָל ניט שרייבן — זינגען זינגט עס. ניין, עס טאַנצט. ניין, עס פלאַטערט מיט אַ ריטמישן פליגלשוואונג. זיינע לידלעך האָבן רעגנבויגנפעדערדיקע פליגעלעך, וואָס קלינגען אין דער לופט מיט אַ קונדסעוואַטן לייכטזין. ווי זיי זאָלן זיך ניט צעקאַפּריזן, די לידלעך זיינע, קלינגען מוזן זיי, טאַנצן מוזן זיי, ווירבלען מוזן זיי”.

זינגען, קלינגען, טאַנצן — דאָס קאָן מען זאָגן כמעט אויף יעטווידן פּאָעט. און ווען אַלגין רעדט־שרייבט ווייטער אין זעלבן אַרטיקל (אין „פרייהייט”) וועגן לוצקין, אַז ער איז אַ מאָלער, און — נאָך ווייטער — אַז ער איז „האַלב קינד — האַלב ווילדער”, איז דאָס אַלץ זשורנאַליסטישע רייד, אויף וואָס מען קאָן קיין שטאַנדהאַפטיקן בנין ניט אויפשטעלן.

אַזוי, מער־ווייניקער, זיינען געווען די אַנדערע אַזוי גערופענע קריטישע אַרבעטן: אונטערשאַצעריש, איבערשאַצעריש, סתם־אַרונטעררייסעריש, אָדער שאינו־יודע־לשאולדיק.

אָן קריטיק, וואָס זאָל ווערט זיין דעם נאָמען, און אָן אַ סביבה, וועלכע זאָל אויפנעמען, מוטיקן און מדריך זיין אַזאַ מין אינאָוואַטאָרישן דיכטער — איז אַ וואונדער וואָס לוצקיס שטראָמיקע שאַפונגפּאָטענצן האָבן גענומען איינטריקענען אין זיינע סאַמע בלי־און אַנטוויקל־יאָרן?!

ג.

אין זיין ליד „די תורה” (זייטן 222־225, פון זיין ערשט בוך „נעמט עס! ס'איז גוט פאַר אייך”, 1927) האָט ער דאָרט אַט־די־פיר (4) שורות, וואָס זיינען, מסתמא, אים אַנטקעגנגעקומען, באַוועלטנדיק, אין שעה פון דיכטעריש־באַזעלטן חשבון־הנפש:

„נישט כדאַי זיך גרויס צו האַלטן מיט דער הויך,
„מיט דער ברייט.
„קיינער דערלאַנגט ניט דעם דאַך פון די הויכן,
„קיינער דערגרייכט ניט די ווענט פון די ווייטן”.

די שורות שטימען אַוודאי ניט מיט זיין גאָרניט באַשיידענעם פאַרשטעלן זיך אַליין פאַר די לייענער־קויפער פון זיין ספר „אַ בוך צום לאַכן”. ווי געזאָגט, ביים אָנהויב פון קאַפּיטל ב', איז יענע ווייט־ניט־עניוותדיקע רעקלאַמע געווען אַ רעזולטאַט פון פּראָטעסט קעגן זיין שפּלדיקער דאָליע, אין מאַטעריעלן זין, און — מער נאָך — קעגן דעם קינסטלערישן וואַקוום, אין וועלכן אים איז אויסגעקומען צו

יצחק ליבמאַן

# א. לוצקי

(פון דער סעריע: „בויער און שאַפער פון מיין דור")

(המשך און — שלוס)

## ב.

אויף דער דריטער זייט פון זיין ספר „אַ בוך צום לאַכן", דער־שינען אין יאָר 1948, שטעלט זיך א. לוצקי אַליין פאַר פאַר זיינע לייע־נער־קויפער:

„דער טיפסטער פאָעט אין אידיש.
„דער גרעסטער מייסטער פון אידיש.
„איינציק אין „באַלעבן" טויטע זאַכן.
„איינציק אין „באַשאַפן" מענטשן צום לאַכן.
„דער איינציקער פריילעכער דיכטער ביים אידישן פאָלק אין דער גאַנצער וועלט.
„צענדליקער טויזנטער אידישע לייענער שעפן פריייד פון לוצקיס לידער.
„דער בעסטער פאַרלייענער פון לוצקי — איז לוצקי".

***

אָט־די ציטירטע אַרויסרופערישע שורות זיינען, גלויב איך, אַ דאַנקבאַרע אויפגאַבע פאַר אַמביציעזע פּסיכאָאַנאַליטיקער, אויף צו צעפּאַלמעסן זיי, און ווייזן אונז וואָס עס שטעקט הינטער זיי. אָבער ביז יענע באַרופענע פּאַלמעסער וועלן קומען, קאָנען מיר, „לעיִמען", אויך עטוואָס אָפּלערנען פון זיי. אין דער ערשטער ריי, ווערט דאָ, דאַכט מיר, רעגיסטרירט דער פּראָטעסט זיינער פאַרן בידנעם גורל: צו דאַרפן אַליין אַרויסגעבן און אַליין פאַרקויפן זיינע שריפטן. אין דער צווייטער ריי, וואָס איז, אפשר, נאָך וויכטיקער און כאַראַקטעריס־טישער פאַר אים, ווי די ערשטע שטענדיק־ברוויזנדיקע אומצופרידנ־קייט, איז די אומקאָמפּעטענטע קריטיק, אויף וועלכער ער קאָן זיך בשום אופן ניט אָנשפּאַרן. ער, דער סופּער־עמפּינדלעכער ליריקער, האָט זיכער געמוזט אָנען, ווער עס נעמט אויף זיין אַ־טאַ־מיש זילבן־וואָרט דורך דעם ריטם פון אָקסן־טריט (ווינטשעווסקי); ווער — דורך סתם־גראַם־הללויה! (אַלגין, א. אַ.) און ווער דורך קאָנסערוואַטיוו־איינגעשטעלטער קרעדאָ פון ניע־פּאַסעראַנישער עקשנות און טעמפּ־קייט (ניגער).

האָט דער איינגעפונדעוועטער דיכטער מאָריס ווינטשעווסקי אַזוי אויפגענומען לוצקיס ליד:

„עס וועט אפשר זיין אומגלויבלעך. אָבער איך בין באַרייט אָוועקצוגעבן אַ חלק פון מיין חלק לעולם הבא, אַ כוס פון מיין חלק יין המשומר, אַ שטיק פון מיין חלק לויתן. דאָס אַלץ גיב איך אים, אָדער איר, וואָס וועט מיר זאָגן דעם מיין פון א. לוצקיס לידער" („פאָרווערטס", 1921).

אַפילו אַ פּראָפעסאָר, וואָס פון אים האָבן מיר זיכער געמעגט דערוואַרטן צו פאַרשטעלן אַ דיכטער אין וויסנשאַפטלעכע טערמינען פון ליטעראַטור־קריטיק, האָט געניצט אַ צעשוואומענע ניט־באַגרינדנ־דיקע פראַזע. פּראָפ. ג. זעליקאָוויץ האָט אין „טאָגעבלאַט", אין 1925, וועגן לוצקין געשריבן כהאי לישנא:

עס ליגט פאַר מיר אַ פּאָעמע פונם באַוואוסטן פּאָעט און אימ־פּראָוויזאַטאָר א. לוצקי, „דעם רבינס הויז זאָגט תורה", געדרוקט אין זשורנאַל „צוקונפט", געווידמעט צום באַרימטן דיכטער אברהם רייזען. די פּאָעמע איז ניט נאָר עכט אידיש און מיט פּרעכטיקע דייטלעכקייט, נאָר אויך אמתע ריינע פּאָעזיע פון דער ערשטער ביז דער לעצטער שורה.

„דעם רבינס הויז" זאָגט ניט נאָר איינפאַכע תורה, נאָר אמת פּאָעטישן פּלפּול.

„איך בין מודה, אַז דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן וואָס איך געפין אין אַ ראַדיקאַלן אידישן זשורנאַל אַזאַ גייסטיקן פּערל".

אַ פאַרניכטנדיקע קריטיק (אַזוי, אַלנפאַלס, איז דער קריטיקער דעמאָלט געווען ביי זיך זיכער) אויף לוצקיס לידער אין דעם זאַמל־בוך „שריפטן" פון 1920 האָט אין „טאָג" (אויגוסט, 1921) פאַרעפנט־לעכט ש. ניגער — מיינענדיק, אַז מיט דעם האָט ער אים אָפּגעווישט לעולם ועד:

„עס איז פּשוט אַ זינד זיי צו דרוקן.

„עס הויבט זיך אָן דוכטן דעם לעזער, אַז זיין אַ מאָדערנער דיכ־טער הייסט... פּלוידערן סתם אין דער וועלט אַריין, אָדער ווייזן קונצן — ווי א. לוצקי אין „אַ זון מיט אַ רעגן".

„עס פרעגט זיך, וואָס האָט פאַרט א. לוצקי געזען, ווען ער האָט געקוקט אויף „אַ זון מיט אַ רעגן".

„עס איז דאָך אוממעגלעך צו זען מיט איין מאָל אין דער לופט אי צענדליקע שלאַנגען, אי ליכטיקע זאַנגען, אי גלעזערנע שטאַכעטן, אי זילבערנע זיילן, אי שטאָלענע סטרונעס, אי שפּרינגענדיקע שטאַנ־גען, אי טאַנצנדיקע מיידל־פיס! און דער תירוץ: ער האָט גאָרנישט ניט געזען און ער ווייזט אונז גאָרנישט.

„אַחוץ — קונצן...

„זיינען די „שריפטן" אַן אָרגאַן פון קונצנמאַכער?

„איז דער „טעמפּל פון דער אידישער פּאָעזיע" געוואָרן אַ צירק?

„האָט צוליב דעם געלוינט אַזוי צו שלייפן דעם אידישן פּערזי־צווי יאָר שפּעטער („פריייהייט", אויגוסט, 1923), איז אונטערגע־קומען אַ איינגערער קריטיקער, מיט אַן עטוואָס לייטישערן לשון, און האָט, אין ריטעריש־דראַמאַטישער פּאָזע, אויסגערופן:

„שוין צייט זיך אומצוקוקן אויף לוצקין. צווישן די „איינגעסטע־" איז ער אַ חידוש, צווישן דער גאַנצער כאַפּטע, קען מען אים דער־קאָנען אין איין כהרף עין.

„לוצקי איז מוזיק. וואָס ער זאָל ניט שרייבן — זינגען זינגט עס. ניין, עס טאַנצט. ניין, עס פלאַטערט מיט אַ ריטמישן פליגל־שוואונג. זיינע לידלעך האָבן רעגנבויגנפעדערדיקע פליגעלעך, וואָס קלינגען אין דער לופט מיט אַ קונדסעוואַטן לייכטזין. ווי זיי זאָלן זיך ניט צעקאַפּריזן, די לידלעך זיינע, קלינגען מוזן זיי, טאַנצן מוזן זיי, ווירבלען מוזן זיי".

זינגען, קלינגען, טאַנצן — דאָס קאָן מען זאָגן כמעט אויף יעט־ווידן פּאָעט. און ווען אַלגין רעדט־שרייבט ווייטער אין זעלבן אַרטיקל (אין „פריייהייט") וועגן לוצקין, אַז ער איז אַ מאָלער, און — נאָך ווייטער — אַז ער איז „האַלב קינד — האַלב ווילדער", איז דאָס אַלץ זשורנאַליסטישע רייד, אויף וואָס מען קאָן קיין שטאַנדהאַפטיקע בנין ניט אויפשטעלן.

אַזוי, מער־ווייניקער, זיינען געווען די אַנדערע אַזוי גערופענע קריטישע אַרבעטן: אונטערשאַצעריש, איבערשאַצעריש, סתם־אַרומ־טערייסעריש, אָדער שאינו־יודע־לשאולדיק.

אָן קריטיק, וואָס זאָל ווערט זיין דעם נאָמען, און אָן אַ סביבה, וועלכע זאָל אויפנעמען, מוטיקן און מדריך זיין אַזאַ מין אינאָוואַטאָ־רישן דיכטער — איז אַ וואונדער וואָס לוצקיס שטראָמיקע שאַפונג־פּאָטענצן האָבן געגומען איינטריקענען אין זיינע סאַמע בלי־ און אַנטוויקל־יאָרן?!

## ג.

אין זיין ליד „די תורה" (זייטן 222־225, פון זיין ערשט בוך „נעמט עס! ס'איז גוט פאַר אייך", 1927) האָט ער דאָרט אָט־די־פיר (4) שורות, וואָס זיינען, מסתמא, אים אַנטקעגנגעקומען, באַוועלטנ־דיק, אין שעה פון דיכטעריש־באַזעלטן חשבון־הנפש:

„נישט כדאַי זיך גרויס צו האַלטן מיט דער הויך,
„מיט דער ברייט.
„קיינער דערלאַנגט ניט דעם דאַך פון די הויכן,
„קיינער דערגרייכט ניט די ווענט פון די ווייטן".

די שורות שטימען אַוודאַי ניט מיט זיין גאָרניט באַשיידענעם פאַרשטעלן זיך אַליין פאַר די לייענער־קויפער פון זיין ספר „אַ בוך צום לאַכן". ווי געזאָגט, ביים אָנהויב פון קאַפּיטל ב', איז יענע ווייט־ניט־עניוותדיקע רעקלאַמע געווען אַ רעזולטאַט פון פּראָטעסט קעגן זיין שפּלדיקער דאָליע, אין מאַטעריעלן זין, און — מער נאָך — קעגן דעם קינסטלערישן וואַקואום, אין וועלכן אים איז אויסגעקומען צו

יצחק ליבמאַן

# א. לוצקי

(פון דער סעריע: „בויער און שאַפער פון מיין דור")

(המשך און — שלוס)

## ב.

אויף דער דריטער זייט פון זיין ספר „אַ בוך צום לאַכן", דער־שינען אין יאָר 1948, שטעלט זיך א. לוצקי אַליין פאַר פאַר זיינע לייע־נער־קויפער:

„דער טיפסטער פאָעט אין אידיש.
„דער גרעסטער מייסטער פון אידיש.
„איינציק אין „באַלעבן" טויטע זאַכן.
„איינציק אין „באַשאַפן" מענטשן צום לאַכן.
„דער איינציקער פריילעכער דיכטער ביים אידישן פאָלק אין
דער גאַנצער וועלט.
„צענדליקער טויזנטער אידישע לייענער שעפן פרייד פון לוצקיס
לידער.
„דער בעסטער פאַרלייענער פון לוצקי — איז לוצקי".

***

אָט־די ציטירטע אַרויסרופערישע שורות זיינען, גלויב איך, אַ דאַנקבאַרע אויפגאַבע פאַר אַמביציעזע פּסיכאָאַנאַליטיקער, אויף צו צעפּאַלמעסן זיי, און ווייזן אונז וואָס עס שטעקט הינטער זיי. אָבער ביז יענע באַרופענע פּאַלמעסער וועלן קומען, קאָנען מיר, „לעימען", אויך עטוואָס אָפּלערנען פון זיי. אין דער ערשטער ריי, ווערט דאָ, דאַכט מיר, רעגיסטרירט דער פּראָטעסט זיינער פאַרן בידנעם גורל: צו דאַרפן אַליין אַרויסגעבן און אַליין פאַרקויפן זיינע שריפטן. אין דער צווייטער ריי, וואָס איז, אפשר, נאָך וויכטיקער און כאַראַקטעריס־טישער פאַר אים, ווי די ערשטע שטענדיק־ברוויזנדיקע אומצופרידנ־קייט, איז די אומקאָמפּעטענטע קריטיק, אויף וועלכער ער קאָן זיך בשום אופן ניט אָנשפּאַרן. ער, דער סופער־עמפינדלעכער ליריקער, האָט זיכער געמוזט אָנען, ווער עס נעמט אויף זיין אַ־טאַ־מיש זילבן־וואָרט דורך דעם ריטם פון אָקסן־טריט (ווינטשעווסקי); ווער — דורך סתם־גראַם־הללויה! (אַלגין, א. אַ.) און ווער דורך קאָנסערוואַטיוו־איינגעשטעלטער קרעדאָ פון ניע־פּאָסראַנישער עקשנות און טעמפּ־קייט (ניגער).

האָט דער איינגעפונדעוועטער דיכטער מאָריס ווינטשעווסקי אַזוי אויפגענומען לוצקיס ליד:

„עס וועט אפשר זיין אומגלויבלעך. אָבער איך בין באַרייט אָוועקצוגעבן אַ חלק פון מיין חלק לעולם הבא, אַ כוס פון מיין חלק יין המשומר, אַ שטיק פון מיין חלק לויתן. דאָס אַלץ גיב איך אים, אָדער איר, וואָס וועט מיר זאָגן דעם מיין פון א. לוצקיס לידער" („פאָרווערטס", 1921).

אַפילו אַ פּראָפעסאָר, וואָס פון אים האָבן מיר זיכער געמעגט דערוואַרטן צו פאַרשטעלן אַ דיכטער אין וויסנשאַפטלעכע טערמינען פון ליטעראַטור־קריטיק, האָט גענוצט אַ צעשוואומענע ניט־באַגרינדנ־דיקע פּראָזע. פּראָפ. ג. זעליקאָוויץ האָט אין „טאָגעבלאַט", אין 1925, וועגן לוצקין געשריבן כהאי לישנא:

עס ליגט פאַר מיר אַ פּאָעמע פונם באַוואוסטן פּאָעט און אימ־פּראָוויזאַטאָר א. לוצקי, „דעם רבינס הויז זאָגט תורה", געדרוקט אין זשורנאַל „צוקונפט", געווידמעט צום באַרימטן דיכטער אברהם רייזען. די פּאָעמע איז ניט נאָר עכט אידיש און מיט פּרעכטיקע דייטלעכקייט, נאָר אויך אמתע ריינע פּאָעזיע פון דער ערשטער ביז דער לעצטער שורה.

„דעם רבינס הויז" זאָגט ניט נאָר איינפאַכע תורה, נאָר אמת פּאָעטישן פּלפּול.

„איך בין מודה, אַז דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן וואָס איך געפין אין אַ ראַדיקאַלן אידישן זשורנאַל אַזאַ גייסטיקן פּערל".

אַ פאַרניכטנדיקע קריטיק (אַזוי, אַלנפאַלס, איז דער קריטיקער



דעמאָלט געווען ביי זיך זיכער) אויף לוצקיס לידער אין דעם זאַמל־בוך „שריפטן" פון 1920 האָט אין „טאָג" (אויגוסט, 1921) פאַרעפנט־לעכט ש. ניגער — מיינענדיק, אַז מיט דעם האָט ער אים אָפּגעווישט לעולם ועד:

„עס איז פּשוט אַ זינד זיי צו דרוקן.

„עס הויבט זיך אָן דוכטן דעם לעזער, אַז זיין אַ מאָדערנער דיכ־טער הייסט... פּלוידערן סתם אין דער וועלט אַריין, אָדער וויזן קונצן — ווי א. לוצקי אין „אַ זון מיט אַ רעגן".

„עס פרעגט זיך, וואָס האָט פאַרט א. לוצקי געזען, ווען ער האָט געקוקט אויף „אַ זון מיט אַ רעגן".

„עס איז דאָך אוממעגלעך צו זען מיט איין מאָל אין דער לופט אי צענדליקע שלאַנגען, אי ליכטיקע זאַנגען, אי גלעזערנע שטאָכעכן, אי זילבערנע זיילן, אי שטאָלענע סטרונעס, אי שפּרינגענדיקע שטאַנ־גען, אי טאַנצנדיקע מיידל־פיס! און דער תירוץ: ער האָט גאָרנישט ניט געזען און ער ווייזט אונז גאָרנישט.

„אַחוץ — קונצן...

„זיינען די „שריפטן" אַן אָרגאַן פון קונצנמאַכער?

„איז דער „טעמפּל פון דער אידישער פּאָעזיע" געוואָרן אַ צירק?

„האָט צוליב דעם געלוינט אַזוי צו שלייפן דעם אידישן פּערזי" צוויי יאָר שפּעטער („פרייהייט", אויגוסט, 1923), איז אונטערגע־קומען אַ איינגערער קריטיקער, מיט אַן עטוואָס לייטישערן לשון, און האָט, אין ריטעריש־דראַמאַטישער פּאָזע, אויסגערופן:

„שוין צייט זיך אומצוקוקן אויף לוצקין. צווישן די „איינגסטע" איז ער אַ חידוש, צווישן דער גאַנצער כאָפּטע, קען מען אים דער־קאָנען אין איין כהרף עין.

„לוצקי איז מוזיק. וואָס ער זאָל ניט שרייבן — זינגען זינגט עס. ניין, עס טאַנצט. ניין, עס פלאַטערט מיט אַ ריטמישן פליגל־שוואונג. זיינע לידלעך האָבן רעגנבויגנפעדערדיקע פליגעלעך, וואָס קלינגען אין דער לופט מיט אַ קונדסעוואַטן לייכטזין. ווי זיי זאָלן זיך ניט צעקאַפּריזן, די לידלעך זיינע, קלינגען מוזן זיי, טאַנצן מוזן זיי, ווירבלען מוזן זיי".

זינגען, קלינגען, טאַנצן — דאָס קאָן מען זאָגן כמעט אויף יעט־ווידן פּאָעט. און ווען אַלגין רעדט־שרייבט ווייטער אין זעלבן אַרטיקל (אין „פרייהייט") וועגן לוצקין, אַז ער איז אַ מאָלער, און — נאָך ווייטער — אַז ער איז „האַלב קינד — האַלב ווילדער", איז דאָס אַלץ זשורנאַליסטישע רייד, אויף וואָס מען קאָן קיין שטאַנדהאַפטיקן בנין ניט אויפשטעלן.

אַזוי, מער־וויניקער, זיינען געווען די אַנדערע אַזוי גערופענע קריטישע אַרבעטן: אונטערשאַצעריש, איבערשאַצעריש, סתם־אַרומ־טערייסעריש, אָדער שאינו־יודע־לשאולדיק.

אָן קריטיק, וואָס זאָל ווערט זיין דעם נאָמען, און אָן אַ סביבה, וועלכע זאָל אויפנעמען, מוטיקן און מדריך זיין אַזאַ מין אינאָוואַטאָ־רישן דיכטער — איז אַ וואונדער וואָס לוצקיס שטראָמיקע שאַפונג־פּאָטענצן האָבן גענומען איינטריקענען אין זיינע סאַמע בלי־ און אַנטוויקל־יאָרן?!

## ג.

אין זיין ליד „די תורה" (זייטן 222־225, פון זיין ערשט בוך „נעמט עס! ס'איז גוט פאַר אייך", 1927) האָט ער דאָרט אָט־די פיר (4) שורות, וואָס זיינען, מסתמא, אים אַנטקעגנגעקומען, באַוועלטנ־דיק, אין שעה פון דיכטעריש־באַזעלטן חשבון־הנפש:

„נישט כדאַי זיך גרויס צו האַלטן מיט דער הויך,
„מיט דער ברייט.
„קיינער דערלאַנגט ניט דעם דאַך פון די הויכן,
„קיינער דערגרייכט ניט די ווענט פון די וויטן".

די שורות שטימען אַוודאי ניט מיט זיין גאָרניט באַשיידענעם פאַרשטעלן זיך אַליין פאַר די לייענער־קויפער פון זיין ספר „אַ בוך צום לאַכן". ווי געזאָגט, ביים אָנהויב פון קאַפּיטל ב', איז יענע ווייט־ניט־עניוותדיקע רעקלאַמע געווען אַ רעזולטאַט פון פּראָטעסט קעגן זיין שפּלדיקער דאַליע, אין מאַטעריעלן זין, און — מער נאָך — קעגן דעם קינסטלערישן וואַקואום, אין וועלכן אים איז אויסגעקומען צו

דאָס לעבן, אַז עס האָט אים מקצר געווען דאָס לעבן פאַר ניט האָבן געגנוג צום לעבן...

איז דאָס ניט נאָך אַ טרויעריקער קאַפּיטל אין זיין טראַגיאַדע ?!

אין אונזערע אַפּטע באַגעגענישן פלעגט אין אים ממש אויפצאַפּלען דער הייסער באַגער צו אַ פאַר־טאָן אין דער וועלט. ער האָט געוואוסט, — און דאָס איז געווען דער אמת, — אַז ער איז דער באַליבטסטער פּאָעט אין דער אידישער וועלט. אַז מען וואַרט אויף אים. ער וואָלט אַליין דערפרישט געוואָרן, זיך באַרייכערט. זיך באַלאָדן. און ווער ווייסט וואָס הינטער זיין פעדער האָט נאָך געשטעקט ?!

אין די צוואַנציקער יאָרן האָבן מיר זיך ביידע געטראָפן אויף וואָכן־לאַנג־באַגעגענישן אין די ניו־ענגלאַנדער שטאַטן. אונזער פריינטשאַפט אין דער פרעמד איז נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן. און עס איז, קאָנטיק, אים געלעגן דער טעם אין מויל פון אַט־יענע יוגנטבאַגעגענישן. האָט ער מיך יאָרן לאַנג געמונטערט צו פאָרן מיט אים איבער אַמעריקע, און — שפּעטער — איבער דער וועלט. איך האָב אים פאַרשטאַנען, מיטגעפילט, אָבער בין געווען אַ צוגעבונדענער צו ניו־יאָרק, צו דער רעדאַקציע און צו פילפאַכע פאַרפליכטונגען צו ניו־יאָרק.

אָבער, ביים שלוס פון מיינע אייליקע שטריכן וועגן אַ גרויסן דיכטער און אַן אויסגעפּרובירטן פריינט, ווערט מיר קלאָר, אַז ער וועט מיט מיר מיטפאָרן אויף מיינע קורצע נסיעות און אויף די לענגערע, ווי עס פאָרן תמיד מיט מיר אברהם רייזען, דר. גלאָבוס, ראובן גראַנאָווסקי, ש. אַדלער, גרשם באַדער, אב. גאָלדבערג, דר. מלמד, מיכל ליכט און הערמאַן גאָלד.

איך וועל אים מיטנעמען מיט זיינע ניט־אויסגעשפּילטקייטן און מיט זיינע ניט אויסגעלעבטקייטן.

איך וועל אים מיטנעמען מיט זיין פולער טראַגיק, וואָס ער, דער אומפאַרגלייכבאַרער פרייד־ברענגער צו טויזנטער און טויזנטער, פלעגט אַליין, דורך די טעג, שטיקן אין זיך די פּיינען, די פאַרדרוסן, און דורך די נעכט פלעגט זיין צאַרטער גוף אין קראַמפן פאַרגיין, צעפּרעסנדיק זיינע אברים, אָפּצערנדיק זיין האַרץ — ביז זי האָט שוין מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן.

איך וועל אים מיטנעמען מיט זיינע „געוועזענע מענטשן" — זיין עלעגיע וועגן יענעם, וועגן זיך און וועגן אונז:

אַט דאָ — וואו איר — איז ער — געווען.
איז זי — געווען — אַזוי ווי איר.
האָט ער — געמיינט.
האָט זי — געמיינט.
אַזוי ווי מיר . . .

איז ער — ניט מער.
איז זי — ניט מער.
ניטאָ שוין מער . . .

נאָר איך — בין נאָך.
און איר — זענט נאָך.

איך רייד מיט אייך — און טראַכט פון זיי.
זע איך זיי — און וויין אויף אונז.

ו.

אַזוי וועל איך, און די מענטשן פון מיין קרייז אים, אין שטילן טרויער, געדענקען דורך די אַלע טעג וואָס עס וועט אונז באַשערט זיין אויף גאָטס ערד.

---

**איר וועט פיל העלפן דעם „וואָכנבלאַט" ווען איר וועט גלייך אַריינשיקן פאַרן אַבאָנעמענט פון 1958. דאָס „וואָכנבלאַט" האָט ניט, לייִדער, קיין סעקרעטאַרן און קיין פאַרוואַלטער. וואַרט ניט, דעריבער, אויף קיין בילס.**



דר יעקב ב. גלען

# אַ געדעכטע נקמה

## סצענעס און בילדער פון שפּיטאָל־לעבן

.1

אַ שניידנדיקער שמערץ אויף דער רעכטער זייט האָט שמואלן צום זינען געבראַכט; מיט אַ מאָל האָט ער דערשפּירט אַ שאַרפן ווייטיק צוזאַמען מיט אַ קלאָרן און שטאַרקן געפיל אַז ער לעבט, אַז ער איז. זיינע הענט האָבן זיך אינסטינקטיוו געהויבן און מעכאַניש אַוועקגעשאַרט די בלאָטיקע ערד פון זיין קערפּער, פון זיינע אויגן און פּנים. מיטאַמאָל איז עס געקומען צו זיין באַוואוסטזיין, אַז ער ליגט אין נאַסקייט, אין האַלב פאַרשאָטענעם קבר, האַלב נאַקעט, אין צעריסענע שמאַטעס. שמואל באַוועגט זיין קאָפּ און שפּירט אַזוי ווי ער וואָלט אים אַרויסרייסן פון אַ קלעפּיקן קליי. מיט די לעצטע כוחות הויבט ער זיך אויף און שפּאַרט אָן זיין שמאַרצנדיקן קערפּער אויף דער זייט פונם קבר. האַלב־שטייענדיק, הויבט ער אויף זיין קאָפּ איבער דעם קבר; עס איז שוואַרץ־פינצטער און טויט שטיל; פון דער ווייטנס דערטראָגן זיך צו אים דאָס זשומען און ברומען פון בוימער און ער שפּירט ווי די קליינע שפּיזיקע האַרבסטיקקאַלטע רעגן־טראָפּנס שטעכן זיין נאַקעטן לייב.

שמואלס מוח ווערט מיטאַמאָל אָנגעצונדן אַזוי ווי מיט אַ העלן פייער; אַ מאוימדיק בילד שטייט אין פולער רעאַלער גרוילעכקייט פאַר זיינע אויגן:

אָט שטייט ער לעבן זיי, די צענדליקער מענער, פרויען, קינדער און עופּהלעך, האַלב־נאַקעטע, ציטערנדיקע און שטיל וויינענדיקע פאַר די האַלב־אָפענע קברים און קאַלטן פאַרנאַכטיקן רעגן; אָט הערט ער ווי די שיינע אָנגעזעענע באַלעבאַטים פון שטעטל, מיטן רב בראש, שעפּטשען שטיל און ווירדיק די תפילות און מיטאַמאָל: די האַווערקענדיקע שטימע פון דעם נאַצי־מערדער, ווי ער שרייט אויס: „טאָדע דעם יודען פאַיער!" אין זיינע אויערן קלינגען מיטאַמאָל אויף דאָס קנאַלן פון די ביקסן און דומפּיק אַוועקפאַלן פון די שטייענדיק לעבעדיקע מענטשן־קרבנות, ווער מיט אַ טיפן זיפץ, ווער מיט אַ שרעקאַניאָגנדיקן טויט־געשריי און ווער מיט אַ גוססדיקן „שמע־ישראל" —

אַ קויל טרעפט שמואלן אויף דער רעכטער זייט, רייסט אויס אַ שטיק פלייש פון זיין לייב, פאַרלירט דאָס באַוואוסטזיין, און אַלץ ווערט פאַרזונקען אין אַ טיפן, שוואַרצן גאָרנישט — — —

.2

שמואל קאַראַפּקעט זיך אַרויס פון גרוב; ציט זיך אויס אויף דאָס נאַסע גראָז: שפּירט דאָס שמערצנדיקע וואונד, אָבער ער ווייסט אַז זי איז ניט טיף. זיין האַרץ קלאַפּט נאָרמאַל און קרעפּטיק. ער איז דורשטיק. דער רעגן פאַרשטאַרקט זיך. ער עפנט זיין מויל, און לאָזט די קאַלטע טראָפּן פאַלן אויף זיין צונג; ער דערשפּירט מיטאַמאָל ווי דאָס חיות קערט זיך אום צו אים, די כוחות קומען צוריק אין זיין יונגן, קרעפּטיקן קערפּער.

ער זעצט זיך ראַפּטאַם אויף; ניין, עס איז ניט קיין טוישונג: דייטלעך קען ער הערן די בלוט־פאַרגליווערנדיקע קולות פון די צעיושעטע נאַצי־באַנדיטן. פון דער ווייטנס פלאַקערן אויף אַ פּאָר פייערלעך און ווערן ווידער פאַרלאָשן.

אַ בייער פחד באַפאַלט אים; אָבער, ווי דורך אַ נס, ווערט זיין האַרץ אָנגעפילט מיט מוט, קוראַזש און מיט אַ ברענענדיקן פאַרלאַנג צו לעבן, צו זיין, צו אָטעמען, צו קעמפן און יע, — צו הרגענען, און פאַרניכטן די פון גאָט־ און נאַטור־פאַרשאָלטענע נאַציסטישע חיות.

שנעל, שנעל טראָגן זיך די פיס, און — פלינק ווי אַ גאַזעל — לויפט ער צום וואַלד צו, צו דער שוואַרצער באַשיצנדיקער פינצטערקייט און איינזאַמקייט...

מיטאַמאָל: אַ רוגזהדיקע, באַפעלנדיקע שטימע: „ווער איזט דאָרט? האַלט, שטייען בלייבען!". און אײדער וואָס־ווען פילט שמואל, ווי אַ שווערע נאַצי־חיהשע לאַפּע לייגט זיך שווער אויף זיינע פּלייצעס און האַלט אים, ווי מיט אייזערנע צוואַנגען. שמואל דער־

פילט מיטאַמאָל, ווי אַן איבערנאַטירלעכער כּוח קומט איבער אים. ער רייסט זיך אַרויס פון דעם נאַציס צוואַנג, פאַלט אויף אים אַרויף בליץ־שנעל, און איידער דער נאַצי־רוצח פּאָספּייעט אַרויסצונעמען זיין „דזשעוואלין", פּאַקט אים שמואל ביים האַלז, און צעדריקט מיט זיין גאַנצער קראַפט דעם מערדערס גאָרגל.

די נאַצי־חיה אָטעמט שווער; שמואל דריקט אים שטאַרקער און שטאַרקער. אַ צווייפל לויפט דורך שמואלס מוח; ער באַזינט זיך. ער לאָזט אַ ביסל אָפּ זיין גריפּ אויף דעם מערדער און פאַרטראַכט זיך: „האָב איך, שמואל, אַ רעכט אימיצן צו טויטן? די חיה וואָס ליגט דאָ כמעט אַ גוססדיקע איז דאָך אַ מענטש... אָטעמט ווי איך, און, מסתמא, קען פילן ווייטיק, ווי איך!" אָבער אין דעם מאָמענט דערזעט שמואל די מאוימדיקע סצענע, דאָרטן ביי די האַלב־אָפענע קבֿרים, און הערט ממש דאָס געוויין און דעם יאָמער פון די אומשולדיקע מענטשן אין די לעצטע מינוטן פון זייער לעבן... און... שמואלס האַנט ווערט פאַרוואַנדלט אין פעסטן שטאָל; ער דריקט מיט כּוח, מיט צאָרן און צעברעכט דעם האַלז און נאַקן פון דעם נאַצי־רוצח... די חיה לאָזט אַרויס אַ טויט געשריי, און באַלד ליגט זי טויט, אַבסאָלוט טויט, ווי אַ לומפּיקע שמאַטע ביי שמואלס פיס. — —

די בוימער־שפּיצן פון דעם דיקן וואַלד זשומען און רוישן אין דעם קאַלטן אָסיענדיקן ווינט!... דער דריבנער רעגן ווערט אַלץ שטאַרקער. שמואל זיצט אויף דעם נאַסן גראָז לעבן דעם טויטן נאַצי — ער קען זיך נאָך אַלץ ניט באַפרייען פון אַ נאָגנדיקן געפיל: „איך האָב דאָך אַ מענטשן דערהרגעט; איך האָב אַ לעבן פאַרטיליקט"...

שמואל שטייט אויף פון דער נאַסער ערד, ער גייט פּאַמעלעך טיפער און טיפער אין שטאָק־פינצטערן וואַלד. ער פילט ווי עפּעס דערקוויקנדיקס וואָלט זיין גאַנצן איך דורכגעשטראָמט: איך לעב, איך לעב! ווייל איך האָב דערהרגעט אַ נאַצי־מערדער וואָס האָט אומגעבראַכט מיינע ברידער, מיינע שוועסטער — יע, איך וויל לעבן און קעמפן און פאַרטיליקן נאָך און נאָך אַזוינע אונטערמענטשן; איך וועל נקמה נעמען פאַר דאָס אומשולדיק־פאַרגאָסן בלוט און וועל ניט רוען ביז די נאַצי־חיה וועט אויסגעראָטן ווערן...

לאַנגע, לאַנגע שעהן האָט שמואל געבלאָנדזשעט אין טיפן וואַלד; ער איז זייער מיד און הונגעריק געוואָרן. די קעלט האָט געשמאַרצט זיין קערפּער. ער האָט געפילט שוואַכער, שוואַכער און האָט אָנגעהויבן זינקען אין אַ טיפן אומבאַוואוסטזיין — — —

אַז ער האָט אויפגעעפנט זיינע אויגן האָט שוין געבלאָזט דער פרימאָרגן. אַרום אים זיינען געשטאַנען פאַרזאָרגטע פּנימער, די פּנימער פון אַ פּאַרטיזאַנען־גרופּע וואָס האָט שמואלן געפונען אַ האַלב־טויטן און פאַרחלשטן אין וואַלד...

### עפּילאָג

אין איינעם פון די פייער־געפעכטן מיט די נאַצי־באַנדעס איז שמואל, דער פּאַרטיזאַנען־פירער, פאַרוואונדעט געוואָרן און איז געבראַכט געוואָרן אַ פּאָר טעג שפּעטער אין אַ פעלד־שפּיטאָל פון די באַפרייענדיקע אַליאירטע חיילות, וואו מ'האָט אים אויסגעהיילט פון די שווערע וואונדן, און ער האָט דערלעבט צו דערציילן אָט די גרויזאַמע איבערלעבונג...

---

יהושע גרינהאף

## קינדערש גליק

דו האָסט געפירט מיך, ליבע מאַמע, בלויז געציילטע יאָרן,
דאָך, דורך דיין פּנים, איז מיין לעבן מענטשלעכער געוואָרן.

דעם צאַרטן גלעט, פון מאַמע־האַנט, קען איך נאָך איצטער פילן,
ווען כ'האָב גאָר ווייניק טעג, די בענקשאַפטן, נאָך דיר צו שטילן...

נאָך וואַרעמט מיך צום ליכטיקסטן, דאָס האַרץ, דיין מוטערלעכער בליק,
פון אַלע גליקן, נאָך אַלץ צום וויכטיקסטן, איז מיין קינדערש גליק,

ווער קען פאַרגעסן, טייערע, דעם שמייכל דיינעם, ליבן?
ער איז מיר אַ געשאַנק, אַ געטלעך גאָב, אויף אייביק לאַנג פאַרבליבן.



ד. קריוויצקי

## א. לוצקי

א. לוצקי האָט מיך אַלעמאָל אימפּאָנירט מיט זיין מערקווירדיק־אייגנאַרטיקן אופן פון שרייבן. איך האַלט, אַז איך פאַרשטיי אַ ליד, פאַרשטיי דעם ליריקער, דעם עפּיקער, דעם נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן דיכטער; איך פאַרשטיי דעם מאָטיוו וואָס האָט זיי אָנגערעגט צו שרייבן זייער ליד; לוצקי איז, אָבער, ניט געווען קיין איינער פון אָט די דיכטער; זיין זשאַנר איז געווען פאַר אונז אינגאַנצן ניי און פרעמד. און האָט ער אַמאָל אָפּגעדרוקט אַ ליד פון נאַציאָנאַלן אָדער סאָציאַלן כאַראַקטער, איז דאָס ליד געווען אומבאַהאָלפן, שוואַך, סיי אין אינהאַלט, סיי אין פאָרמע. אייגנאַרטיק און פאַרכאַפּנדיק איז ער געווען אין די לידער וואָס האָבן דערציילט וועגן זאַכן וואָס זיינען אַזוי נאָענט, ממש אונטער די הענט, אָבער מיר קוקן זיך ניט אום אויף זיי. און אָט די „נאָענטע" און דאָך „ווייטע זאַכן" האָבן אים אינספּירירט און גרויס געמאַכט. האָב איך זיך אָפּט געפרעגט: — וואָס אַזוינס רעגט אים אָן צו שרייבן אָט די לידער? וועלכע עמאָציעס לעבט ער דורך שרייבנדיק די לידער מיט וועלכע ער מאַכט לעבעדיק „אַ טויטע וועלט"? האָב איך נאָכגעפאָלגט לוצקין אין זיין דיכטער־וועלט ווי דאַנטע ווירגילן אין דער „אינפערנאָ" און געזען די „אַכטע טייל פון גהינום" וואָס פּרץ האָט געמאָלן; יענע טייל וואָס דער אומרואיקער, זוכנדיקער גייסט, באַשאַפט פאַר זיך אַליין.

אַלע מענטשן האָבן אויגן און קענען זען ווי אַ בוים בליט, ווי אַ שניי פאַלט, ווי אַ הויז ברענט, ווי אַ טייך פלייצט אַריבער די ברעגן, אָבער ניט אַלע קאָנען זען יענע פאַנטאַסטישע וועלטן וואָס עקזיסטירן ניט און זיינען דאָך פאַראַן, יענע גיגאַנטישע קליינינקייטן, ניט דערזעענע אומגעהויערקייטן, יענע וואונדערלעכע זעאונגען, וואָס אַ דיכטער זעט.

אַלע מענטשן קאָנען הערן דעם ווילדן גערויש פון אַ וואַסערפאַל, דעם סומנעם קלאַנג פון קלויסטער גלאָקן, דעם שרעקנדיקן קלאַנג פון פייער־וואָגן, דעם מוראַדיקן וואָיען פון הונגעריקן וואָלף, אָבער דער דיכטער דערהערט אויך קלאַנגען, גערוישן, אַ שטילן מוראַדיקן וויינען וואָס קלינגט ניט און רוישט ניט און וויינט ניט, און לוצקי האָט די אַלע קלאַנגען און גערוישן געהערט און באַנומען. און גייענדיק מיט אים אין זיין דיכטער־וועלט, האָב איך געזען דעם צער און ווייטיק וואָס האָבן אים באַגלייט אויף זיינע וועגן, איך האָב געזען דעם אומעט וואָס מאַטערט אים. ס'איז ניט געווען דער אומעט וואָס קלאַמערט איין דאָס האַרץ אין אַ טיפן בענקען, אין אַנטוישונג און פאַרדרוס, נאָר דער אומעט וואָס קומט פון באַוואוסטזיין אַז „אַלץ וועט פאַרגיין". איך האָב געזען ווי אין די שטימונגען פון אָט דעם אומעט וואָס שטעכן ווי שאַרפע נאָדל־שפּיצן און טוען מער ווײ ווי איין גרויסער מעסער־שניט, ליגט לוצקי אויף זיין בעטל און וויל דורך דעם שלאָף באַפרייען זיך פון די שטימונגען, אָבער דער שלאָף קומט ניט, דער אומעט האַלט צו די טיר און לאָזט דעם שלאָף ניט אַריין, ליגט ער און הערט:

„אַ שיף רעוועט אין דער נאַכט".
„אַ דערשראָקענער אויטאָמאָביל יאָגט זיך אין וויט"
„אַ באַן אַנטלויפט פון אַ באַרג".

שפּיגלען גיך די קלאַנגען אָפּ אין מוח, רעפלעקטירן אויף דעם אומעט און ער דערזעט:

„אַ חיה פון קלאַנגען".

עס טרעפט אַמאָל: דער אומעט לאָזט ניט איינזיצן אין הויז, טרייבט אין גאַס. גייט לוצקי אַרויס אין גאַס, בלאָנדזשעט אָן אַ ציל ביז ער דערהערט מוזיק, בלייבט ער שטיין אונטער אַ פענצטער פון אַ הויז און הערט ווי פיס טאַנצן צום טאַקט פון קלאַנגען, נעמט זיין אומעט אין אים טאַנצן:

„איינס צוויי דריי, אַז די פלייטל פייפט,
„ווייסטו וואָס דו הערסט?
„טויטע אין דער ערד
„וויינען דאָך אַזוי!"

„איינס צוויי דריי, אַז די פּויק באַרוישט,
„ווייסטו וואָס דאָס איז?
„דאָס איז דאָך דער רויש,

„אָט דער וועלט־געריש,
„וואָס פאַרטויבט אין דיר
„פּחד פאַרן טויט!"

„איינס צווי דריי, וויינט די ווילאַנטשעל,
„אַלע אין דער וועלט
„וועלן זיך צעגיין...
„טוט עס אַזוי וויי!"

אָט דער ווייטיק פון „צעגיין", דער פּחד פאַרן טויט, פאַרטונקלט אין אים די פרייד פון טאַנץ: וואָס טויג דאָס אַלץ, אַז סוף־כּל־סוף וועט מען פאַרגיין? לוצקי האָט געוואָלט אייביקייט, קיינמאָל ניט אויפהערן זיין. קיין זאַך וויל ניט „אויפהערן זיין", וויל ניט פאַרגיין — —

„אַ פּאַפּיר אַנטלויפט מיט מוראַדיקער פרייד
„פון אונטער די רעדער פון אַ באַן..."

אָבער דער אומעט לאַכט:

„יעדער מענטש וואָס גייט אַרום
וועט ליגן.
איבער אים וועט זיין אַ בערגל
און דערביי וועט שטיין אַ שטיין
מיטן פּנים צו די צייטן".

לוצקין איז געווען אומעטיק ניט דערפאַר וואָס „דאָס לעבן איז פּוסט און די נשמה ליידיק", ניט דערפאַר וואָס פרייד איז געמישט מיט טרויער און גליק מיט צער, נאָר דערפאַר, וואָס — —

„מיין לעבן וויינט אין מיר
פון גרויס געזאַנג אין מיר,
מיר איז ענג פון איבערפלוס אין מיר".

לוצקי האָט ניט געזוכט דעם סוף אַלס דערלייזער, נאָר איז געווען אומעטיק ווייל דער סוף וועט דערלייזן... דאָס לעבן וואָס האָט געברויזט אין אים און דער פּחד פאַרן פאַרגיין, האָבן זיך אין אים געראַנגלט, כּסדר אַרומגעריסן, ס'איז דאַכט זיך אַ מחיה צו פאָרן אין באַן

„און זען די פריילעכע טעלעפאָן סלופּעס,
און הערן די פענצטערלעך פּלאַפּלען"

און זען ווי

„אַ יעזוס פאַרשווינדט,
יאָגט זיך אַ קלויסטער נאָך אים,
דרייט זיך אַ וואַלד אויף אַ באַרג,
טאַנצן די ביימער אַ וואַלץ".

אַלץ איז אַזוי וואונדערלעך, שיין און גוט, אָבער ...

„איך וועל שפּילן, זיך פאַרשפּילן
ביז מען וועט מיר טראָגן צום טאַקט..."

דערהערט ער דזשעז, אָט די פאַרטויבנדיקע, משוגע מאַכנדיקע מוזיק, צעשפּילט זיך אין אים די אימפּראָוויזאַציע:

„נעם אַ טאַץ און פּאַטש אין פּלייצע,
בויג דעם קאָפּ און האַק אין פּויק,
בויג אַ פוס און שפּרינג אַ קרומער,
שפּרייט דאָס מויל און שלינג אַן אויג".

שטייט דער אומעט הינטערן פּלייצע און עגבערט אין זעלביקן ליד:

„זאַווערוכע, ווילדערוכע,
מענטש און חיה איין משפּחה,
לייב און קעמל איין מערכה,
פעלקער וויינען אין די לענדער,
חיות וויינען אין די וועלדער,
ווי געשריי אין אַלע שפּראַכן,
שטומער צער אין אַלע זאַכן".

האַלט ער אַ „קאָנפערענץ מיט זיך אַליין", פאַרענדיקט ער:

„און מיר שמועסן שטומערהייט
וועגן אחדות נאָכן סוף"...

אפילו אין ליכטיקע מינוטן האָט ער געזען:

„אַלע מענטשן ליכטיקע עלנטן,
אַלע אַמאָלן לויטערע אומעטן"...

קוקנדיק אויף די האַווענדיקע מענטשן אין די גאַסן, האָט ער געזען:

אָט דאָ וואו מיר — איז ער געווען,
איז זי געווען אַזוי ווי מיר,
איז ער ניט מער, איז זי ניט מער,
נאָר איך בין נאָך און איר זייט נאָך.
איך רייד צו אייך און טראַכט פון זיי,
זע איך זיי און ווין אויף אונד".

אַזוי כּסדר, דער ניט פאַרמיידלעכער סוף וואָס מוז קומען, פאַרשלינגט יעדע פרייד, מישט אויס מיט גאַל יעדע מינוט פון לעבן ווייל — אַלץ וועט פאַרגיין...

ביז איך געגאַנגען ווייטער אין זיין דיכטער־וועלט און געזען: לוצקי איז דער פּאָעט פון איינזאַמקייט, פון עלנט ניט דערפאַר ווייל ער האָט ליב די פאַרבענקטע מעלאַנכאָלישע שעה פון זון־פאַרגאַנג, נאָר ווייל —

„יעדער מענטש אַ איינס.
אַלע איינסן.
לבנה באַזונדער, שטערן באַזונדער,
אַלע אַליין.
וויפל איינזאַמקייטן דאָרט,
וויפל איינזאַמקייטן דאָ".

אַלץ איז אַליין, קיינער האָט ניט קיינעם.

שטייט אַ וואַלד, האָק אויס אַ בוים —
שטייט אַ וואַלד...."
נישטאָ אַ צווייטער דו,
איין דו איז דאָ — דיין דו..."

ביי לוצקין איז אַלץ געווען ווייט, דאָס נאָענטסטע אין די הויכן, אין די תּהומען. ניטאָ ביי אים קיין „איצט", דער „איצט" איז נאָר צו דערמאָנען די „אַמאָלן" —

„מיטאַמאָל דערפיל איך מיר אין אַלטערטום,
אין טוכלע טיפן, אין טויטע תּהומען,
פאַר די אויגן — ווילדע ווייטן,
אין די אויערן — רעש פון צייטן."

אָדער —

„ניט די רונדן — נאָר די ראַנדן,
ניט די פלאַכן נאָר די פאַלדן ."

דאָס פלאַכע איז נאָענט, אונטער די פיס, דערפאַר די פאַלדן, דאָס באַהאַלטענע אין פאַרנאַכטיקן טומל הערט ער

„דאָס רוישן פון ווייטע וועגענער
ביי די ווענט פון דער וועלט".

האָט ער גענומען פון ווייטסטן אַמאָל און געטראָגן צום ווייטסטן „ווען עס איז". האָט זיך איינגעהערט צו די טיפסטע תּהומען און אַריבער־געטראָגן זייערע קלאַנגען צו די העכסטע הויכן. איז געלעגן ביי די ווענט פון דער וועלט און אויפגעכאַפּט די סודות פון „יענער זייט" און געשפּונען די לידער פאַרן ווייטסטן שפּעטער.

איך האָב געוואַנדערט מיט לוצקין אין זיין דיכטער־וועלט און זיך אָנגעהאַלטן אָן דעם פאָדים וואָס ציט זיך דורך זיינע לידער און פאַרשטאַנען דעם מאָטיוו: „דער פּחד פאַרן טויט". האָט ער געוואָלט אַריינכאַפּן וואָס מער, זיך געאיילט ביז צו פאַרשפּעטיקן, ווי דער באַן:

„נישטאָ קיין צייט, נישטאָ קיין צייט!"

לוצקי האָט געזונגען מיט פרייד פון צער און מיט צער פון פרייד און איז צו גיך באַזיגט געוואָרן פון דעם פּחד.

דוד דענק

# אויסגעלאָשענע שטערן

(אַ קאַפּיטל זכרונות)

איינער פון זיי, איז דער ניט־לאַנג פאַרשטאָרבענער אַקטיאָר מיכל מיכאַלעסקאָ.

מיט אַ יאָר 34 צוריק זיינען נאָך די טירן פון דער אידישער אַקטיאָרן יוניאָן געווען פאַרמאַכט אַ סך שטאַרקער, ווי דער אייזערנער פאַרהאַנג אין סאַוועטן־פאַרבאַנד.

ווער עס האָט צו יענער צייט ניט געהאַט קיין יוניאָן־קאַרד האָט געמוזט וואַרטן ביז אַלע יוניאָן־מיטגלידער זיינען געווען באַשעפטיקט.

דער סעזאָן איז שוין כמעט געווען אין פולן גאַנג, ווען איך בין איין טאָג געזעסן אין דער ראָיאַל קאַפע און געוואַרט אויף אַ נס.

זלמן שמוקלער איז אויך געווען איינער פון די פיל ליידנדיקע, ער אָבער האָט זיך געקענט וואַרפן און זיך טאַקע באַלד אַנגעכאַפּט אין וואָס ער האָט געקענט פאַרדינען, אָבער נאָר ביים אידישן טעאַטער.

איז טאַקע דער טאָג ווען איך בין דאָרט געווען האָט ער זיך אַ שמייכלענדיקער באַוויזן אויף דער טיר פון דער ראָיאַל קאַפע, צו ערשט האָט ער זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, געמאַכט דעם אָנשטעל אַז ער זוכט וועמען ביז ער האָט מיך דערזען און מיט אַ צופרידענעם שמייכל איז ער צוגעקומען צו מיין טיש און באַלד געפרעגט:

— קען איך רעדן צו אייך?

— פאַר וואָס ניט.

— איך מיין אויב איר זייט ניט פאַרנומען?

— זיצט, האָב איך אים אָנגעוויזן אויף אַ בענקל.

— קיין סך צייט האָב איך סיי־ווי ניט.

— איך בין ניט פאַרנומען, — האָב איך נאָכאַמאָל באַטאָנט.

— וועל איך מיט אייך רעדן וועגן געשעפט.

— מעגט איר אייך אוודאי אַוועקזעצן, אַ סוחר האַנדלט ניט שטייענדיק, זיצט און זאָגט וואָס איר ווילט. פאַר געשעפט בין איך קיין מאָל ניט פאַרנומען.

ער האָט זיך לאַנגזאַם אַוועקגעזעצט אויף דעם בענקל.

— אָט אַזוי, איצט קענען מיר רעדן, זאָגט וואָס איר ווילט.

— איך וויל אייך אַנגאַזשירן.

— אַ נ ג אַ ז ש י ר ן?

— יע, וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן?

— איר האָט אַ טעאַטער?

— אין ניו־יאָרק, דערווייל נאָך ניט.

— אַרויספאָרן? האָט איר שוין די גאַנצע קאָמפּאַני?

— אָט די פראַגע האָב איך פאַרשטאַנען וועט איר פרעגן, דאַרפט איר ניט מורא האָבן, ווייל איך האָב שוין מיט מר. גוסקינען גערעדט וועגן אייך, ער דערלויבט מיר צו נעמען וועמען איך וויל און איך פאַרזיכער אייך אַז איך וועל האָבן אַ גוטע קאָמפּאַני, איך מוז דאָס האָבן, ווייל איך האָב אַ גוטן ס ט אַ ר.

— דאָס איז אינטערעסאַנט, מעג איך וויסן ווער דאָס איז?

— אייך וועל איך זאָגן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און צו מיר שטיל געזאָגט שמייכלענדיק: מיכל מיכאַלעסקאָ!

איך בין געבליבן זיצן, אים אָנגעקוקט טראַכטנדיק ביי זיך, ווייסט דער מענטש וואָס ער רעדט? מיכאַלעסקאָ! ווייס איך איז דעם סעזאָן פאַרנומען אין דעם סעקאָנד עוועניו טעאַטער, וואָס דענקט ער בין איך? אָט האָסטו דיר אַ נייער מענעדזשער אויף מיין קאָפּ, עס ווייזט אויס ער האָט דערקענט אויף מיר וואָס איך טראַכט, האָט ער ניט אַראָפּנעמענדיק פון מיר זיינע שמייכלענדיקע אויגן נאָך צוגעגעבן:

— איך שפּאַס ניט, ווי זאָגט האַניגמאַן: עס איז ניט קיין אמת, נאָר אַ פאַקט! איך שטעל צוזאַמען אַ קאָמפּאַני מיט מיכאַלעסקאָן אַרויסצופאָרן שפּילן, איך האָב שוין „ג ע ב ו ק ט" אַ פּאָר טעאַטערס אויף דער פּראָווינץ ניט ווייט פון ניו־יאָרק.

— איר ווייסט שוין די פּיעסע וואָס איר גייט שפּילן?

— ו ו י ל ד ע י ו ג נ ט!



— ווען מאַכט מען פּראָבע?

— אַזוי רעדט איר דאָך ווי אַן אמתער קינסטלער, אַלזאָ, אָפּגעמאַכט, איך וועל אייך לאָזן וויסן ווען מ'וועט מאַכן פּראָבע.

ער האָט עס געמאַכט אַזוי שנעל, אַז איך האָב קיין צייט ניט געהאַט אים צו זאָגן וויפל איך וויל, ער איז שמייכלענדיק באַלד אַוועק, און איך בין געבליבן זיצן ניט גלויבנדיק וואָס דאָ איז פאָרגעקומען.

***

אין יענע יאָרן איז די גאַנצע פּראָפעסיע געווען איינגעוויקלט אין איין גרויסן סוד, און האָט דער סוד געמעגט זיין הינטער טויזנטער שלעסער פאַרמאַכט איז ער אין דער ראָיאַל קאַפע באַלד אויסגערונען געוואָרן. קיין מאָל האָט מען ניט געוואוסט ווער עס האָט דעם סוד אין דער ראָיאַל קאַפע געבראַכט, אַזוי ווי ער וואָלט פאַרטראָגן געוואָרן פון אַ פינצטערן כוח, אָדער פון אַ בייזן ווינט, נאָך איידער די אַקטיאָרן זיינען געקומען אין דער ראָיאַל קאַפע פון דעם טעאַטער, וואו דער סוד האָט באַדאַרפט פאַרבלייבן.

אויף דעם האָט דער באַרימטער מאַיר פון די שנאָרערס ניט איין מאָל געזאָגט:

— פון די אַלע טעאַטער־סורות וואָס ווערן אויסגערונען אין דער ראָיאַל קאַפע, האָט מען געקענט מאַכן אַ וואַזשנעם רינשטאָק.

אַזוי שנעל ווי די אַקטיאָרן האָבן זיך באַוויזן אויף דער שוועל פון דער ראָיאַל קאַפע, האָט מען באַלד אַקעגנגעטראָגן וואָס ביי זיי אין טעאַטער איז פאָרגעקומען.

און ווער? הערמאַן! וועלכער האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיין „ג ו ד נ י י ט" מיינע הערשאַפטן. ער האָט מער ניט באַדאַרפט ווי כאַפּן איין וואָרט, איז שוין גענוג געווען אַז דער גרעסטער טעאַטער־סוד זאָל אַרויס אויף דער גאַס.

דעם זעלבן אָוונט איז מיר אויסגעקומען צו זיצן מיט אַ גרופּע אַקטיאָרן, ביי איינעם פון די טישלעך און דאָ טאַקע האָב איך אויסגעפונען פאַר וואָס מיכאַלעסקאָ גייט אַוועק פון דעם סעקאָנד עוועניו טעאַטער. רעדנדיק האָט מיך איינער אַ פרעג געטאָן:

— איר פאָרט מיט מיכאַלעסקאָן?

— פון וואַנען ווייסט איר? — האָב איך מאָדנע אָנגעקוקט.

— ווייל ס'איז שוין ניט מער קיין סוד, אַלע ווייסן אַז שמוקלער האָט היינט גערעדט מיט אייך, נאָך מער, מיר ווייסן אפילו מיט וואָס פאַר אַ פּיעסע ער פאָרט אַרויס, ווייל דאָ אין דעם סעקאָנד עוועניו טעאַטער גייט אַרויף די נייע פּיעסע „י אַ נ ק ע ל ע".

— דאָס איז אָבער ניט יוראָפּ, האָט אַ צווייטער געזאָגט, דאָ וועט זי זיך באַדאַרפן גוט אונטערגאַרטלען!

— ווען איך בין מיכאַלעסקאָ וואָלט איך געטאָן דאָס זעלבע. — האָט אַ דריטער געזאָגט. און דער ערשטער האָט באַלד אונטערגעכאַפּט:

— איר ווייסט דאָך, אַז אַ מענעדזשער טאָר מען ניט נאָכגעבן, באַלד ווערט מען דאָך ביי זיי אַ סטאַטיסט.

— ניט אַזוי לאַנג ווי אנדזשו איז מיט אים, איך קען אים נאָך פון וואַרשע!

איצט איז מיר קלאָר געוואָרן וואָס עס גייט פאָר, אַז וואָס שמוקלער האָט מיט מיר ביי טאָג גערעדט איז טאַקע אמת; ווי באַלד אַזוי וועל איך באַלד שפּילן מיט מיכל מיכאַלעסקאָן!

די קאָמפּאַני וואָס שמוקלער האָט צוזאַמענגעשטעלט איז געווען ניט קיין שלעכטע, דערפאַר איז די פאָרשטעלונג געווען זייער אַ געלונגענע, נאָר דער עולם האָט זיך ניט געאיילט צו קומען אין טעאַטער. וואָס איז געווען דער תירוץ? אַז מיכאַלעסקאָ איז נאָך אַ פרעמדער אין אַמעריקע.

צו יענער צייט איז מיר שווער געווען צו פאַרשטיין, פאַר וואָס אַזאַ גוטער אַקטיאָר ווי מיכל מיכאַלעסקאָ, וועלכער פאַרמאָגט אַלע מעלות פון אַ קינסטלער, זאָל איבערלאָזן דאָס גרעסטע אידישע טעאַטער אין דער וועלט מיט אַזוי פיל געלט און זיך וועלן אַרומשלעפּן כמעט פאַר גאָרניט: אָלבאַני, נאָך יוטיקאָ סיראַקיוז, ראָטשעסטער, און פון דאָרט נאָך באָפאַלאָ?

דאָס איז ניט געווען קיין אַמביציע, אנדזשו האָט אַזוי געוואָלט, אים

געשטופּט צו ווערן אַ סטאַר. און ווען זי האָט געזאָגט אַ ״יעלעגענהייט, האָט זי דאָס אָפן געזאָגט:

— מיין מיכל, וועט קיינעם ניט הינטערשפּילן, מעג דאָס אפילו זיין דאָס גרעסטע, און זי... איז נאָך ניט אַזוי גרויס.

דאָס אַרומפאָרן האָט אָנגעהאַלטן אַ גאַנצן ווינטער, און עס האָט אָפּגעקאָסט אַ מאַיאָנטעק, דאָס האָב איך דערקענט אין דער כמעט לעצטער פאָרשטעלונג, וואָס מיר האָבן געשפּילט אין לייקוואוד. אנדזשוס ברודער, מר׳ לעווין, איז מיטגעפאָרן זען די פאָרשטעלונג און עס איז אים זייער שטאַרק געפעלן, האָט ער טאַקע פאַר אַלעמען באַצאָלט פאַר די באַן־בילעטן מיר זאָלן קענען אַהיימפאָרן.

אויך דערפאַר האָט זיך אנדזשו ניט איבערגעשראָקן, פאַרקערט, זי האָט געשמייכל זאָגנדיק:

— אין ביזנעס איז פאַראַן פאַרשיידענע צייטן, ניט אַלעמאָל קען מען פאַרדינען.

זייענדיק אַ געניטע „ביזנעס־פרוי״ האָט זי זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּגעשטעלט, נאַטירלעך האָט זי געהאַט מיט וואָס און דערפאַר האָט זי געמאַכט פאַרשיידענע „אינוועסטמענטס״, ביז זי האָט אים אַרויפּ־געפירט דאָרט ווי זי האָט געוואָלט, בעסער געזאָגט, דאָרט וואו ער האָט באַלאַנגט, און ער האָט מיט רעכט געשיינט פאַר אַ סך יאָרן.

עס איז ניט אָנגעקומען אַזוי גרינג, אָבער מיכל מיכאַלעסקאָ האָט דערגרייכט צו דעם וואָס ער איז געווען באַרעכטיקט, און איך מוז צו־געבן מער דערפאַר ווייל אנדזשו האָט אים געשטופּט. ווייל מיכל מיכאַ־לעסקאָ אַליין האָט זיך אַ סך מאָל פאַרשפּילט... ער האָט געהאַט אַ געוואַלדיקע גרויסע שוואַכקייט צו נאָך צוויי שפּילן, און זער אָפט האָט ער זיך פאַרשפּילט מיט ליבע הינטער דער בינע, און מיט אַ פּינאַקל אידער ער איז געקומען אין טעאַטער...

דערפאַר אפשר האָט זיך ביי אים אַנטוויקלט אַ גרויסער חסרון, וואָס ער האָט קיין מאָל ניט געקענט זיין ראָלע ביי דער ערשטער פאָר־שטעלונג און דאָס איז זייער אָפט געווען דער גרעסטער אומגליק פאַרן טעאַטער. האָט ער זיך אָבער איינגעשפּילט איז צו אים קיין גלייכן ניט געווען, ער איז אָפּטמאָל געווען אַזוי נאַטירלעך, אַז מען האָט זיך פאַר־געסן שטייענדיק מיט אים אויף דער בינע אין צייט פון שפּילן, ער האָט ווירקלעך געוויינט מיט אמתע טרערן ווען מ׳האָט באַדאַרפט וויינען, און זייער נאַטירלעך געלאַכט. עס האָט אָבער געמוזט נעמען צייט ביז ער האָט זיך איינגעשפּילט, דערנאָך איז ער געווען די נאַטירלעכקייט אַליין. האָב איך טאַקע געהאַט גרויס רעספּעקט פאַר זיין טאַלאַנט אָבער קיינ־מאָל ניט פאַר דעם אויסוואַל פון די פּיעסן וואָס ער האָט געשפּילט — און נאָך ווייניקער ווי ער האָט פאַרשטאַנען זיי אויפצופירן.

***

זייענדיק מיט אים אין פאַרשיידענע טעאַטערס דאָ אין ניו־יאָרק, ווי אויך אויף דער פּראָווינץ, און שפּילנדיק מיט אים אין זייער אַ סך פּיעסן איז מיר אויך אויסגעקומען צו זיין זייער אַן אָפטער גאַסט ביי אים אין דער היים, איז ביי אַ יעדער געלעגנהייט וואָס איך האָב געהאַט האָב איך ניט איינמאָל אים זייער פריינטלעך געפרעגט:

— מיכאַלעסקאָ, פאַרוואָס שפּילט איר אָט די נאַרישע פּיעסן?

— וואָס דען זאָל איך שפּילן?

— איך מיין אַז דאָס פּאַסט פאַר איינעם וואָס האָט ניט קיין טאַ־לאַנט, אַזעלכער דאַרף זיך דראַפּען אויף די גלייכע ווענט, אָבער ניט איר?

ער האָט מיך אָנגעקוקט, זיך פאַרטראַכט און דערנאָך צו מיר זייער שטיל געזאָגט:

— מיינט איר דאָך אַז איך וויל דאָס שפּילן!

— איך ווייס ניט ווער עס צווינגט אייך.

— דאָס מענעדזשמענט, איר ווייסט דענק! זיי האָבן מורא פאַר אַ בעסערער פּיעסע.

— פאַר וואָס?

— דאָס זאָגן זיי באַלאַנגט צום קונסט־טעאַטער. ווייסט איר נאָך וואָס זיי זאָגן, ווען איך שפּיל מיך איין, אפילו אין אַ נאַרישקייט ווערט דאָס אויך אַ סוקסעס, דערפאַר מוז איך מיך שוין באָדן אין דער קאַ־לעמוטנער וואַסער, איך האָב זיך ניט וואָס צו באַקלאָגן, די נאַרישקייטן, מיין פריינט, האָבן מיר געגעבן אַזוי פיל ווי צוויי טויזנט דאָלאַר אַ וואָך אין שיקאַגאָ!

— האָט זיך איין מאָל געמאַכט אַ גוטע וואָך.

— וואָס מיינט איר איין מאָל, איך בין דאָרט געשטאַנען צוויי סע־זאָנען, ווייזט מיר ווער נאָך האָט געמאַכט אַזוי פיל געלט? אפילו מיט אַ בעסערער פּיעסע?

עס מעג דאָ אויך פאַרצייכנט ווערן, אַז מיכל מיכאַלעסקאָ איז גע־ווען קינסטלעריש גוט און אויסגעהאַלטן אין די בעסערע פּיעסן וואָס ער האָט געשפּילט, ליידער אָבער זייער ווייניק.

ער האָט אַ סך יאָרן געשיינט אַלס „ערשטער מאַן״ אין אַ יעדער טרופּע, ביז 1983, דעם סעזאָן זיינען מיר געווען אין דעם מעקילני סקווער טעאַטער, אין די בראָנקס, און 1939 אין דאָגלאַס פּאַרק טעאַ־טער, אין שיקאַגאָ, און אין ביידע סעזאָנען האָבן זיך שוין געוויזן שפּורן פון דורכפאַלן. דאַכט זיך דער זעלבער מיכל מיכאַלעסקאָ, די זעלבע פּיעסן, און אַ גוטע טרופּע, עס איז אָבער מער ניט געגאַנגען.

דאָס האָט אים שטאַרק גענומען דענערווירן, און איך האָב דאָס באַלד דערקענט ביי אַ פאָרשטעלונג, עס איז שוין געווען די דריטע וואָך ווי מיר האָבן די פּיעסע געשפּילט, נאָך דעם וואָס מיר האָבן די זעלבע פּיעסע אָפּגעשפּילט אין ניו־יאָרק גאַנצע דריי חדשים און מיר זיינען געווען גוט איינגעשפּילט, איז אַרונטערגייענדיק פון דער בינע, האָט ער צו מיר געזאָגט:

—וואָס איז מיט אייך דענק?

— מיט מיר, וואָס מיינט איר מיכל?

— מיר שפּילן דאָך אַן אָפּערעטע!

— נו, איז וואָס?

— דאַרפט איר ניט זיין אַזוי נאַטירלעך.

— איר מיינט אַז דאָס איז אַ חסרון?

—דאָס פּאַסט פאַרן קונסט־טעאַטער!

— און דאָ דאַרף מען ניט זיין גוט?

— יע, אָבער איר זייט שוין צו נאַטירלעך.

ווי אַזוי ער האָט איצט צו מיר גערעדט, האָב איך פאַרשטאַנען אַז ער מיינט דאָס ווען איך בין אַריין אין מיין גאַרדעראָב־צימער האָב איך געטראַכט, וואָס האָט ער דערמיט געמיינט? ווי קען מען דען זיין אַנדערש נאָך אַזוי פיל מאָל שפּילן די זעלבע פּיעסע? איך בין געבליבן זיצן אין אַ געדריקטער שטימונג, טראַכטנדיק ווען ניט צוליב דער פּרנסה, וואָלט איך אין אַזאַ טעאַטער קיין מאָל ניט געוואָלט שפּילן.

ווען עס האָט שוין אָנגעהויבן גיין, וואו מען זאָגט מיט דער פּוטער אַראָפּ, האָט מיכל מיכאַלעסקאָ נאָך אַלץ געוואָלט אָנהאַלטן זיין סטאַזש אַלס „ס פּ אָ ר ט״. פּונקט ווי אין די גוטע יאָרן ווען ער האָט געמאַכט אַ סך געלט, מיט דעם האָט ער געוויזן זאַ דער קינסטלער טראַכט ניט וועגן מאָרגן, אָבער עס האָבן זיך שוין געוויזן שפּורן פון דעם דריי־פאַכיקן לעבן, אַז ער האָט צו שטאַרק געברענט דאָס ליכט אויף ביידע זייטן...

די לעצטע צוויי סעזאָנען האָבן געוויזן אַז אין דער איסט איז ער שוין פאַרטיק, האָט ער אַרויסגעוואַנדערט קיין קאַליפאָרניע, דאָרט ווי עס האָט אויסגעזען איז אויך ניט געווען צו גוט, ווייל אַזוי שנעל ווי ער האָט געקראָגן איין אנגאזשמא אין ניו־יאָרק איז ער צוריקגעקומען, אָבער דער סעזאָן האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן, און אויף פּסח איז ער צוריקגעפאָרן דאָרט צו בלייבן.

ווען ער האָט זיך געזעגנט מיט מיר, האָט ער זייער שטיל געזאָגט:

— גלויב מיר דענק, און איך מיין דאָס וואָס איך גיי אייך זאָגן, איך פאָר דאָך אַוועק, ווען איך קען דאָרט פאַרדינען, כ׳מיין אַ גאַנץ יאָר ניט מער ווי 60 דאָלאַר אַ וואָך, וואָלט איך געווען אַ גליקלעכער.

איך האָב אים אָנגעקוקט טראַכטנדיק וואָס עס איז געוואָרן פון דעם גרויסן מיכל מיכאַלעסקאָן, איך האָב אַ ביטערן שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— פאָרט געזונט און זייט געזונט, איר וועט דאָרט פאַרדינען אַ סך מער.

מיכל מיכאַלעסקאָ, דער געזונטער שטאַרקער מאַן, איז שוין געווען קראַנק, ער האָט אָבער געהאַט זיך אין ווערמען אָנצושפּאַרן, זיין פרוי

אנדזשו, אדער ווי מען האט זי די לעצטע צייט גערופן אננא לעווין, איז ניט בלויז געווען א ווייב צו אים, נאר א סך בעסער ווי אן אייגענע מאמע, זעלטן ווען א פרוי גיט זיך אזוי אפ מיט איר מאן, ווי זי האט דאס געטאן, פארלאפן אלע שלעכטע וועגן, ניט געלאזט אז עס זאל אויף אים פאלן א שפרענקעלע, אלעמאל געפונען א תירוץ פארוואס עס איז ניט גוט...

נאך עטלעכע יאר ארומוואנדערן איז די שטארקע אננא אויך קראנק געווארן, און איז שוין פון שפיטאל קיינמאל ניט ארויס, פונקט צום אוונט וואס איז געמאכט געווארן פאר מיכאלעסקאן, פאר וועלכן זי האט א סך געארבעט אז עס זאל זיין א פינאנציעלער דערפאלג איז זי אוועק פון דער וועלט. אן איר האט מיכל אין לאס־אנדזשעלעס ניט גע־קענט פארבלייבן, איז ער צוריקגעקומען נאך ניו־יארק.

***

די אלע מעלות וואס מיכל מיכאלעסקא האט פארמאגט, איז די גרעסטע מעלה זיינע געווען: די גרויסע מתנה זיך צו קענען מאכן א סך פריינט, ווייל ניט א יעדער קען דאס. און זיי די פריינט האבן אים באלד געשטעלט אויף די פיס, אים געמאכט א גרויסן אוונט, און דאס האט אים געגעבן א מעגלעכקייט צו ווערן א „פארטנער" אין דעם ברוק־לינער פאלאס טעאטער.

ווייזט אויס פון באשערטע זאכן קען מען ניט אנטלויפן, מעג עס נעמען ווי לאנג, קומט עס ווי אן אומדערוואַרטעטער גאסט, גלייך אין שטוב אריין. און דאס וואס מיכל מיכאלעסקא האט ניט געוואלט, אדער ווי מען האט געזאגט אז אנדזשו האט אים ניט געלאזט טאן אין יאר 1923, האט ער דאס געטאן אין יאר 1955...

נאך מער זייענדיק א גלייכער שותף אין געשעפט, האט ער ניט נאר זיי געמוזט הינטערשפילן, נאר אויך זיין דער פערטער אנגאנסירט צו ווערן, פארשטייט זיך אז פאר אזא אקטיאר ווי מיכל מיכאלעסקא איז געווען, האט ער געמוזט ארומטראגן ביי זיך אן אינערלעכע שטאר־קע וואונד, קיין גוטס צו זיין געזונט־צושטאנד האט דאס זיכער ניט געטאן...

אויף דעם סעזאן בין איך געווען מיט אים און ווען איך בין געקומען צו פראבע האב איך דא געטראפן א גאנץ אנדערן מיכאלעסקאן.

די לעצטע עטלעכע יאר האט ער גענומען זייער א סך „נאטראן גליצירין" און דאס האט אים אינגאנצן פארענדערט, און אים געמאכט אויסזען געל און מיד, איך האב צו אים פריינטלעך געשמייכלט, האט ער צו מיר געזאגט:

— פריינט דענק! די הויפט־זאך דארפט איר אייך צוקוקן צו מיין ראלע, איר מוזט זיין צוגעגרייט, ווייל ווי איך פיל קען מען קיינ־מאל ניט וויסן ווען איר וועט ארייננפאלן, ווער קען וויסן וואס עס קען זיך מאכן.

— עס וועט זיך גארניט מאכן, איר וועט זיין געזונט און שפילן די ראלע א גאנצן סעזאן. און אזוי איז טאקע געווען.

ווי אלע מאל איז ביי אים די ערשטע פארשטעלונג ניט ארויסגע־קומען ווי מען האט דערווארטעט, אבער ביי מיר איז דאס קיין נייעס ניט געווען, איך האב אפילו באמערקט ווי אזוי מען האט געקוקט אויף אים. אבער ווער וועט וואגן עפעס צו זאגן, ערשטנס, אויב ניט קיין גאנצער, א האלבער בעל־הבית איז ער דאך זיכער. צווייטנס, איז ער דאך מיכאלעסקא! וויסנדיק וואס עס וועט זיין ווען ער וועט זיך איינ־שפילן, האב איך געשמייכלט טראכטנדיק, אז קיינער פון זיי וועט אזוי גוט קיינמאל ניט זיין, און דערפאר בין איך אלס פריינט און פארערער די גאנצע צייט פון זיין שטיין אויף דער בינע, געשטאנען הינטער דער בינע, און אויף אלץ אכטונג געגעבן, פריער מאכנדיק זיכער אז עס זאל אים אויף דער בינע גארניט פעלן, און אליין געארבעט ביים „סוויטש־באארד" אז די ליכט־עפעקטן זאלן זיין אין צייט, ווען ער האט געזונ־גען; געזען אז קיין זאך זאל אים ניט דענערווירן, און אלעמאל געווען פארטיק אים צו געבן א „נאטראן גליצירין פיל", ווען ער איז אראפ פון דער בינע, נאך איידער ער האט זיך פארנייגט פארן עולם, וועלכע האבן אים שטארק אפלאדירט. אזוי האט אננא אלע יארן אויף אים אכטונג געגעבן.

ניט איין מאל האב איך מיך פארטראכט: וואס עס קאן ווערן פון א מענטשן? און נאך א יעדער ביינאגיקער פארשטעלונג, בין איך באלד געווען הינטער דער בינע, האב איך מיכאלעסקאן אלעמאל גע־טראפן ליגן אויף דעם דיוואן, וואס איז געשטאנען אויף דער בינע, ער איז געשלאפן.

אבער ניט איין מאל האב איך מיך דערשראקן פאר זיין אויסזען, פאר א ווילע בין איך שטיין געבליבן, געקוקט אויף אים טראכטנדיק פון דעם אמאל, ווי אזוי מיר האבן נאך א ביינאגיקער פארשטעלונג פארבראכט, ווי אנדערש עס איז דאן געווען? ניין, די צייטן וועלן זיך שוין קיינמאל ניט אומקערן...

ווען דער סעזאן האט זיך פארענדיקט בין איך שוין מער מיט דער טרופע ניט געווען, דערנאך זיינען זיי געפארן אויף דער פראווינץ, אין מיאמי איז ער אוועקגעפאלן און מער ניט געקענט שפילן; אין מאנטרעאל, האט אים פארטראטן א צווייטער אקטיאר. ער האט זיך נאך געפראוווט מענטשלען ווען די טרופע איז אריין שפילן די זעלבע פיעסע אין עלזמיר טעאטער, אין די בראנקס. און ווען זיי זיינען אויף פסח גע־פארן נאך שיקאגא האט ער דא פארענדיקט זיין לעצטע פארשטעלונג.

ווען מ'האט אים צוריקגעבראכט נאך ניו־יארק, האט ער נאך גע־לעבט פיר שעה, זונטאג דעם 28־טן אפריל איז ער געשטארבן. און מיטוואך דעם ערשטן מאי איז געווען די לויה פון מיכל מיכאלעסקא.

אזוי ארום האט די וועלט פארלוירן א גוטן קערנדיקן אקטיאר, און איך האב פארלוירן א גוטן פריינט, וואס איך וועל אים קיינמאל ניט פארגעסן.

לוי גאלדבערג

## ענדערונג

עם ענדערט זיך מיין נאכבארשאפט. — די גוים ציען אפ,
און נייע שכנים — אידישע, פארכייטן זייער ארט.
די ביר־שענקען, — וואו שיכרות מיט דער ווינד איז אויפגעפארט —
זיי ווערן אלץ מער וויניקער, ווי בלוט פון זיי גייט אפ.

די הייזער, הילצערנע, מיט היטלען שינדלענע אויף זיי,
זיי ווערן ברוכווארג אין דער שווערער מי, פון העק, און הענט,
אויף זייער גריבער־ליידיקייט, — מיט ציגל און צעמענט
הויך וואקסן אויף די מויערן, מיט יונגער פרייד אין זיי.

די קליין־געשעפטן שליסן זיך. און גרויסע קומען אויף,
מיט מערער רחבות, און מיט מערער יחוסדיקן גלאנץ.
דערביי די בענק: — די טרייע היימען פון דעם דאלער־טאנץ —
זיי שפארן זיך באלד צו צו זיי, געענגט, ווי גוף צו גוף.

די אלטע תושבים בויגן זיך, די יונגע — וואקסן גלייך.
א חתונה, א לוויה, איז דא אפטיקער כאזוך.
מיין געגנט ענדערט זיך. — אויך אין מיר איז דא דער דוך
פון ענדערונג. באלד קומט א צווייטער אויף מיין „קעניגרייך".

---

## יענטע סערדאצקי די פען־קינסטלערן — א בת שמונים

אט די ליבע פרוי האט אונז לעצטנס באשאנקען מיט נאך א וואונדערבארן, קינסטלעריש - רעאליסטישן בילד „עס ברענט". אט דער נאמען האט ארויסגערופן אין מיין זכרון דאס ביבלישע „סנה בילד", וואו דארטן האט אן אן אויפהער א פייער געפלאקערט און זיך ניט געוואלט אויסלעשן. אויך דא, אין דעם פאל איז געווען קלאר, אז א פייער, דער פייער פון דער קינסטלערינס שעפעריש־קייט לעשט ניט נאר זיך ניט אויס, נאר ער צעפלאמט זיך מיט נאך א גרעסערער קראפט. זי האט באוויזן, אז אפילו ווען מען דערגרייכט דעם בכבודיקן עלטער פון 80 יאר קען מען נאך אלץ זיין רירעוודיק, מונטער, פול מיט לעבנס־לוסט און שאפונגס־קראפט. זי האט, און מיט רעכט, אנגענומען דעם מאדערנעם פילאסאפישן קוק אויפן לעבן: „לאיף בעגינס עט עיטי".

איך ווינטש איר פילע־פילע געזונטע, גליקלעכע און שעפערישע יארן.

מיט אכטונג, אלעקסאנדער לאקשיין

מ. תפוחי

# מוזיק און טעאַטער

## יוסף (כאָזע) קאַהאַן

פאַר אַ יונגן פּיאַניסט, אָדער וועלכן עס איז אַנדערן אינסטרומענטאַליסט, צו קענען איינבייסן די ניו־יאָרקער קאָנצערט־גייער, און נאָך מער די ניו־יאָרקער מוזיק־קריטיקער, איז ווייט ניט פון די גרינגע זאַכן; דער פאַרמעסט איז אַ גרויסער, אַ שווערער און מ׳דאַרף זיך היפּש אונטערגאַרטלען. אָבער דער יונגער מעקסיקאַנער אידישער פּיאַניסט כאָזע קאַהאַן האָט מיט זיין צווייטן אויפטריט, פּונקט ווי מיט זיין ערשטן אויפטריט אין טאַון־האָל באַוויזן, אַז ניט בלויז איז ער אַ טאַלאַנטפולער קינסטלער, נאָר אויך אַ מוזיקער מיט אַן אייגענעם פּנים, אייגענעם צוגאַנג און אויסטייטשונג פון יעדן ווערק וואָס ער טראָגט פאָר. די פּרעציזקייט פון זיין טאָן, ווי זיין לויפיקע טעכניק און פאַרביקייט פון זאַץ, זיינען די סאַמע קען־צייכנס אין זיין שפּילן. ניט בלויז באַהערשט ער דעם מאַטעריאַל מיט זיינע פינגער, נאָר ער באַהערשט אויך די פּיאַנאָ־קלאַווישן אויף אַזאַ אופן אַז זיי זאָלן ביי אים שטראַלנדיק זינגען.

אַ פּראָגראַם האָט דער יונגער פּיאַניסט דורכגעפירט ביז גאָר אַ קאָמפּליצירטע, אַן אונטערנעמערישע: באַך, אַלבעניז, האַידן, שומאַן, ראַלאָן, באַרבער, סקריאַבין, קאַבאַלעווסקי — איינס און איינס קאָמפּאָזיטאָרס צו וועלכע מ׳דאַרף צולייגן אַ סך איינגעבאָרענעם טאַלאַנט, לאַנגע יאָרן טרענירונג, האַרץ און מח, פאַרקלערטקייט און מוזיקאַלישקייט. עס איז געווען אַ דערהויבנדיקער קאָנצערט פון אַ יונגען קינסטלער, וואָס זיין אָרט אין דער מוזיקאַלישער וועלט איז שוין אַן אָנגעצייכנטער און אַ געזיכערטער. מיט די יאָרן וועט אויך קומען די געהעריקע פאַרטיפקייט, וואָס איז ביז גאָר וויכטיק פאַר יעדן גרויסן און אייגנאַרטיקן קינסטלער.

### פילהאַרמאָניק

בעטהאָוון וועט קיינמאָל ניט אַלט ווערן און וועט אַלעמאָל זיין ניי און מאָדערן. איך זאָג עס מחמת דעם, וואָס הערנדיק שפּילן דעם ניו־יאָרקער פילהאַרמאָניק, אונטער דער מייסטער־האַנט פונם גאַסט־דיריגענט אַנדרע קלוטענס, בעטהאָוונס דריטע „לעאָנאָר" אָווערטיורע, האָט זי געקלונגען אַזוי ניי און פריש, גלייך ווי די קאָמפּאָזיציע וואָלט ערשט פון נאָדל אַרויס. אָבער איך מיין אַז דאָס איז אַזוי מיט יעדן גרויסן שאַפער, וואָרים־וואָס, אַ שטייגער, האָט געפעלט מאָצאַרטס „האַפנער" סימפאָניע, צי מוסאָרסקיס „כאָוואַנטשינאַ" פּרעלודע, אָדער דעביוסיס „לאַ דעמאָי סעלע אילו", אַ לירישע פּאָעמע לויט ראָזעטי, פאַר אַ סאָפּראַנאָ און קאָנטראַלטאָ, מיט אַ פרויען־כאָר און אָרקעסטער, צי פראַנקס סימפאָנישע וואַריאַציעס פאַר פּיאַנאָ און אָרקעסטער, אָדער האָנעפערס קאָנטשערטינאָ פאַר פּיאַנאָ און אָרקעסטער? האָט טאַקע דער פּראָגראַם גאָר שטאַרק אויסגענומען ביים עולם און אויך ביים שרייבער פון אָט די שורות. דער גאַסט־דיריגענט האָט יעדן ווערק באַזונדער געגעבן די געהעריקע אויסטייטשונג, קלאָר און פּאַסיקן געמיט.

דער פרויען־כאָר פונם באַרימטן וועסטמינסטער כאָר האָט געזונגען פּרעכטיק. די צוויי סאָליסטן, די באַרימטע סאָפּראַנאָ בידאָ סאָיאַאָ און די קאָנטראַלטאָ מאורין פאָרעסטער, האָבן ניט ווינציק ביי־געטראָגן צום דערפאָלג פון דעביוסיס ווערק. פּונקט אַזוי דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן צום גוטן אויך דער פּיאַניסט אַלדאָ טשיאָליני, וועלכער האָט גאָר פיין געשפּילט האָנעגערס פּיאַנאָ־קאָנטשערטינאָ. און געוויס דאַרף דאָ געזאָגט ווערן, אַז די שפּילער פון אָרקעסטער האָבן ווי תמיד אַרויסגעוויזן זייער פּרעציזקייט און פולשטענדיקע איבערגעגעבנקייט צום דיריגענט.

### קאָנצערט — מיכל ראָזענבערג

מיכל ראָזענבערגס „לאַך־נאַכט" אין האָנטער קאָלעדזש, האָט ניט געהאַט קיין אָנהויב, קיין מיטן און קיין סוף, אָבער דער הויפּט־מחותן אַליין, מיכל ראָזענבערג, איז אויף אַזויפיל חנעוודיק, שפּרודלדיק און טאַלאַנטפול, אַז ער האָט פאַרדעקט אַלע „פאַרכעס"...

די שענסטע צוויי מאָמענטן פונם גאַנצן פּראָגראַם זיינען געווען: „די יונגע שניידערלעך", מיט די אַרטיסטן: בען באָנוס, מינאַ בערן, לעאָן ליבגאָלד, ליליען ליליאַנאַ, ישראל מאַנדעל און אַל העריס, און די „צוויי טויבע", מיט די אַרטיסטן: בנימין פישביין און ריטאַ קאַרפינאָוויטש. ווייטער איז אַלץ געווען אין באַקאַנטן שאַבלאָנעם געשמאַק.

אַחוץ די דערמאָנטע אַרטיסטן, האָבן אויך אָנטיילגענומען: צבי סקולער, וואָלף באַרזעל, רייזל באָזשיק, אהרון לעבעדעוו, פריידעלע אוישער און איר טאָכטער, מאָריס קראָנער, די בערי־שוועסטער, דזשעקי מיילס און אייב עלשטיין.

אַז מיכל ראָזענבערג איז שטאַרק באַליבט ביים עולם האָט באַוויזן דער פאַקט, וואָס דער גרויסער זאַל פון האָנטער קאָלעדזש איז געווען פול באַזעצט. אַז אַזעלכע טאַלאַנטן ווי מיכל ראָזענבערג וואַקסן ניט אויף קייןביימער, אויך דאָס האָט דער גאָט־געבענטשטער קינסטלער דעמאָנסטרירט צום איבעריקן מאָל. אָבער אַז ער, מיכל ראָזענבערג, האָט געמעגט און געקענט זיך צוגרייטן מיט אַ פיל־פיל בעסערער פּראָגראַם — אויך דאָס איז געווען קלאָר.

אַ שאָד...

### חזנישע פּלאַטן

געווען אַ צייט ווען חזנישע פּלאַטן האָבן אַריינגעזונגען בלויז די אויסגערופענע חזנים, אָנערקענטע מנגנים, פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן געוואוסט וואָס נוסח מיינט, וואָס אידישע ליטורגיע באַטייט, זיינען געווען אויסגעבונדן מיטן טייטש פון וואָרט און מיט דער נשמה פון יעדער תּפילה. איצט איז אַ צייט פון הפקרות: יעדער טאָם, כאָם, דיק און העררי, אויב נאָר ער האָט געלט, קען און זינגט אַריין אין פּלאַטן זיין מאָס וואולגאַריטעט, אומוויסנקייט, אַמעראַצעס; איר פילט ניט בלויז די אומגעהובלטקייט, נאָר אויך די אָפּגעריסנקייט, די פרעמדקייט זייערע צו דער גאַנצער זאַך...

איז דעריבער אַ גרויס פאַרגעניגן געווען זיך צוצוהערן צום נייעם וויקטאָר־אַלבום־פּלאַטן פונם באמת אָריגינעלן און אינטעליגענטן חזן לייב גלאַנץ, וואָס איז טיף־אָרגאַניש אויסגעבונדן הן מיט די אידישע תפילות און הן מיט די אידישע נוסחאות. עס איז ניט קיין געזאַנג „סתם" אין דער וועלט אַריין; עס איז ניט קיין „אָט בין איך אויך אַ חזן", עס איז טיפע אידישע יניקה; ריינער אידישער קוואַל; געזאַנג פונם האַרצן, פון דער נשמה, איבערלעבונג, פאַרטראַכטקייט, פאַרמעסט, סטיל און קינסטלערישע דערהויבונג.

צו הערן בלויז גלאַנצן זינגען „שמע ישראל", „שומר ישראל", „טל" און „אין כערכך", איז גענוג אויף צו דערפילן דעם גאַנצן תמצית פון חזנית, פון אָט דער זעלטן־שיינער אַנטיקער אידישער קונסט, און פון זיין, גלאַנצעס, כח אַלס חזן און קינסטלער.

### אַ גאַסט אין רעדאַקציע

דער „אהבת אידיש קרייז", וועלכער טרעפט זיך יעדן מאָנטיק פונקט 5 אַזייגער אין דער רעדאַקציע פון „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט", אויף 41 יוניאָן סקווער, אין ניו־יאָרק, האָט אונטער דער אָנפירערשאַפט פונם רעדאַקטאָר פון „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט", קאָלעגע יצחק ליבמאַן, געגעבן אַ וואַרעמען „קבלת־פּנים" דעם חשובן גאַסט פון מעקסיקע, דעם באַוואוסטן שריפטשטעלער, מוזיק און ליטעראַטור־קריטיקער, פּראָפעסאָר סאָלאָמאָן קאַהאַן, וואָס געפינט זיך אויף אַ קורצן באַזוך איצט אין ניו־יאָרק.

פּראָפעסאָר סאָלאָמאָן קאַהאַן, וועלכער איז אַ צוויי־שפּראַכיקער שרייבער, אויף אידיש און אויף שפּאַניש, איז באַקאַנט ווייט אַריבער די גרענעצן פון מעקסיקע סיי מיט זיינע אידישע און סיי מיט זיינע שפּאַנישע ביכער, וואָס זיינען ביז איצט דערשינען. ער איז אַ שריפטשטעלער מיט אַן אייגענעם צוגיין צו קולטורעלע ווערטן און קונסטגעביטן, מיט אַן אייגנאַרטיקן סטיל, סאָלידן וויסן און קענטעניש; איינער, וואָס האָט ניט קיין מורא צו זיין אַנדערש און צו גיין קעגן שטראָם. אויסער דעם איז ער פון די סאַמע אָנגעזעענסטע פּיאָנערן פונם מעקסיקאַנער אידישן ישוב, מיט וועמעס וואָרט מ׳רעכנט זיך גאָר שטאַרק.

עס האָבן דעם חשובן גאַסט באַגריסט די פאָלגנדיקע קאָלעגן שרייבער און קולטור־טוער: דר. א. אייסן, יצחק ליבמאַן, ש. טענענבוים,

יחזקאל קאָרנהענדלער

# ראַבינאָוויטש אין... נצרת

(אַן אינטערעסאַנטער קוריאָז פון דער היינטיקער ישראל־רעאַליטעט).

וויפל כ׳האָב ניט געהערט דערציילן וועגן ישראל, וועגן דעם לעבן אין דער יונגער אידישער מדינה, וויפל כ׳האָב נישט געלייענט באַשרייבונגען פון עולם וואָס האָט באַזוכט דאָס לאַנד, האָבן אָבער די אַלע קוועלן נישט אויסדערציילט און אוודאי נישט אויסגעשעפּט אַלץ און אַז כ׳בין אַליין געקומען אין לאַנד אַריין, האָב איך מיך אָנגעשטויסן אין פּיל זאַכן און דערשיינונגען וועגן וועלכע כ׳האָב ביז לעצטנס נישט געהערט קיין וואָרט און זיך עס גאָרניט פאָרגעשטעלט.

וועגן אָ געוויסער דערשיינונג, אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטע און כאַראַקטעריסטישע זאַך, וועל איך דאָ דערציילן. אַן אַמוזירנדיקע געשיכטע:

גייענדיק איבער די גאַסן, איבער וועלכער עס זאָל ניט זיין שטאָט, קלענערע אָדער גרעסערע, שטויסן מיר זיך אָן אויף גרויסע פּירקאַנטיקע אָדער רונדיקע אייזערנע פּלאַטן אויף די טראָטואַרן: דאָס זיינען די באַקאַנטע פּלאַטן וואָס דעקן צו אַן אַראָפּגאַנג צו די שטאָטישע קאַנאַלן און וואַסערלייטונג. ס׳רוב געפינען זיך אויף די פּלאַטן דער נאָמען פון דער שטאָט, און דער נאָמען פון דער פאַבריק־פירמע, וואָס האָט די פּלאָטע פאַבריצירט א. אַ. וו.

קומענדיק קיין תל אביב, אַ שטאָט וואָס ציילט שוין היינט קרוב אַ האַלבן מיליאָן מענטשן און ממילא, אַ שטאָט מיט וואַסערלייטונג און קאַנאַלן, האָב איך שפּאַנענדיק איבער אירע גאַסן און בולוואַרן, זיך גלייך אָנגעשטויסן אין די אייזערנע פּלאַטן אויף די טראָטואַרן, אָבער וואָס מיך האָט פאַרכאַפּט, אפילו איינגענעם איבעראַשט איז געווען דער פאַקט וואָס אָט־די מעטאַל־שטיקער האָבן געטראָגן אויף זיך אויפשריפטן מיט יידישע אותיות; עס איז געווען אָנגעגעבן אין העברעיש דער נאָמען פון פאַבריקאַנט און די שטאָט וואו די פּלאַטע איז געמאַכט געוואָרן. דוכט זיך, אַ גאַנץ פשוטע זאַך? און דאָך איז דאָס אין מיינע אויגן געווען גאָרנישט קיין געוויינלעכער ענין, וואָרעם, ווען און וואו האָבן מיר אידן געזען אַזאַ זאַך? מעטאַלענע פּלאַטן פון דער וואַסערלייטונג און קאַנאַלאַזאַציע מיט יידישע אויפשריפטן! עס איז אַזוי פשוט און גלייכצייטיק אַזוי אויסטערליש, וואָרעם אַזאַ זאַך איז דאָך נאָר מעגלעך אין אַ לאַנד וואו דאָס גאַנצע לעבן איז אידיש. איז אַזאַ אייזן־פּלאַטע אויף די גאַסן פון תל אביב אַ וואונדערבאַרע באַשטעטיקונג פון אייגענעם, פולן אידישן לעבן וואָס בויט זיך אין ישראל.

אגב, האָט מען מיר איבערגעגעבן, אַז פיל אידן, בעתן אָנטרעפן אויף אַזאַ אייזערנע פּלאַטע, גייען אויף איר נישט אַרויף, נאָר גייען זי אַרום ווייל זיי קענען נישט און ווען נישט אַרויפטרעטן אויף אידישע אותיות.

וואָס פאַר אַ אינטערעסאַנטע און כאַראַקטעריסטישע דערשיינונג פונעם נייעם אידישן לעבן!

*
**

וועלן מיר איצט, אויף אַ קורצע פּאָר מינוט, פאַרגעסן אין דעם נאָר וואָס דערציילטן און דער („ליבער”) לייענער וועט מסכים זיין כ׳זאָל אים דערציילן אַן אַמוזירנדיקע געשיכטע, וואָס ער קען זי אפשר נישט, וואָס האָט אין פלוג, דוכט זיך גאָרנישט קיין שייכות מיט די אייזערנע פּלאַטן אויף די גאַסן פון תל אביב א.אַ. שטעט אין ישראל, אָבער אַ ביסל ווייטער, וועט ער זיך איבערצייגן אַז די נאָכקומענדיקע מעשה האָט שוין דוקא יאָ אַ שייכות מיט דעם נאָר וואָס דערציילטן פאַקט פון נייעם אידישן לעבן, די מעשה איז פאָלגנדיקע:

געשען איז עס אין אַ קלוב פון אַמעריקאַנער אָפיצירן:

אַז אין זייערע שמועסן פלעגט דערמאָנט ווערן עפּעס אַ וועלט־באַרימטער נאָמען, האָט זייער חבר, דער אידישער אָפיציר ראַבינאָוויטש, גלייך צוגעגעבן אַז די באַרימטקייט איז זיין בעסטער פריינד;

— טשערטשיל? — ער וואָלט געווען גליקלעך ווען כ׳קום צו אים אַ ביסל, רוזוועלט? — מיר זיינען אין איין שולע געגאַנגען. טשאַרלי טשאַפּלין?, ער בעט ביי מיר יעדעס מאָל עצות א.אַ.וו. א. אַ.וו.

דער דאָזיקער ענין האָט אַלץ מער אָנגעהויבן פאַרדריסן די אָפיצירן וואָס האָבן געטראַכט וועגן ראַבינאָוויטשן ווי וועגן אַן אומפאַרשעמטן באַרימער און אַז עס איז אַמאָל דערמאָנט געוואָרן דער נאָמען פון פּויפּסט און ראַבינאָוויטש האָט גלייך, ווי ס׳איז געווען זיין שטייגער, אַ זאָג געטאָן:

—דער פּויפּסט? מיר זיינען די סאַמע בעסטע פריינד!

האָבן עס שוין די אָפיצירן מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן און אים געזאָגט אַז זיי גלויבן אים נישט אויף קיין האָר און אַז ער איז אַן אומפאַרשעמטער בלאָפער!

ראַבינאָוויטש, אַ שטאַרק באַליידיקטער, שלאָגט זיי פאָר:

— אפשר געוועט איר זיך, כדי כ׳זאָל אייך באַווייזן, אַז דאָס וואָס איך זאָג איז אמת?

— מסכים! — האָבן אַלע אָפיצירן אויסגעשריגן.

מען האָט זיך געוועט אויף אַ גרעסערער סומע, אויסגעשטעלט אַ ליסטע מיט די באַרימטע נעמען וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט רוזוועלטן און זיך געענדיקט טאַקע מיטן פּויפּסט און די גאַנצע גרופּע אָפיצירן מיט ראַבינאָוויטשן אין דער שפּיץ, האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין:

אָנגעהויבן האָט מען פאַרשטייט זיך מיטן ווייסן הויז:

ווי נאָר מען האָט מיטגעטיילט דעם פּרעזידענט אַז אַ געוויסער ראַבינאָוויטש וויל אים זען אַזוי האָט רוזוועלט מיט פיל פרייד, זיך גלייך געהייסן אַרויסטראָגן אים אַנטקעגן, געדריקט ראַבינאָוויטשן די האַנט, זיך אויסגעפרעגט אויף ווייב און קינדער און אים אויך פאַרגע־וואָרפן למאי ער וויזט זיך אַזוי זעלטן!

ביי טשערטשילן האָט זיך איבערגעחזרט דאָס זעלבע; דער אַלטער פּאָליטיקער איז געווען ביז גאָר צופרידן מיטן וויזיט, אים מכבד געווען מיט אַ ציגאַר, אויסגעפרעגט וועגן ווייב און קינדער, פאַרבעטן אויף מיטאָג א.אַ.וו.

אַזוי איז עס געשען אומעטום; צו וועלכער באַרימטקייט מען איז נישט געקומען (לויט דעם אָפּמאַך פון געוועט) האָט מען ראַבינאָוויטשן אויפגענומען מיט דער גרעסטער וואַרימקייט, ווי דעם סאַמע בעסטן פריינד און די גרופּע אָפיצירן האָבן זיך איבערצייגט, אַז ראַבינאָוויטש איז שוין ווייט נישט קיין בלאָפער. זייער לעצטע האָפענונג איז געווען, דער פּויפּסט, דאָ וועט זיך אפשר אַרויסווייזן, אַז ער האָט, אויב נישט

א. ראָזען

## דאַמאַקלעס שווערד

— עפּעס איז געלעגן אַ שווערע לאַסט אויף זיין
נשמה, אַ פינצטערער וואָלקן —
— דוד איינהאָרן

ניט אַ ברכה—אַ קללה, ווי אַ באַרג הענגט איבערן טאָל פון
מיין לעבן!
מיין גאָרטן, ניט טוגנד־טוי אים טרינקט אָן — נאָר וואַסערן
מוטנע געטונקט אין וויי און ווינד...
איבער דעם הימל פון מיין ערד נאָר שאָטנס טאָג און נאַכט ווי
געשפּענצטער שוועבן,
און יאָגן מיינע שעה׳ן אין אַ גיהנום־געדריי, געטריבן ווי וואָלקנס
פון אַ שטורעם־ווינט...
ס׳טרעפט: אַן איינער, אַ געליטענער פון טייל־מאָל שאָדן,
מיט פאַרגעלטונג איז אַרומגעלייגט — זילבער און גאָלד —
מיר, האָר דאָפּלטוויייטיק און פּאָר מיט צוויי מאָל ליידן באַלאָדן —
אַ צוגאָב־וויי — אַ שטראָף מאָל צוויי מוז איך האָבן באַצאָלט!
איבער מיין קאָפּ, ווי פון גאָט אַ שטרף געשיקט אַ דאַמאָקלעס׳
שווערד הענגט!
אַ שונאס האַנט, געהיים געשיקט געצויגן האָט די שווערד פון שייד...
טאָג ווי נאַכט אַ שטראָם פון שטראָף מיינע ברעגעס שווענקט;
שטעלט צו מיר יעדן טאָג אַ געטראַנק — ביטער ווי דער טויט,
יעדעס נאַכט איבערפול אַ כוס גיסט אָן אָנגעפילט מיט סם:
און מיין בלוט צעגייט, ווי דער ווינט ווילד איבערן ים...

געזאָגט קיין גאַנצן ליגן, האָט ער יעדנפאַלס איבערגעטריבן מיט דער גרויסער פריינטשאַפט ביי דער הייליקער שטול...

אָנגעקומען אין רוים לאָזט זיך ראַבינאָוויטש מיט זיין חברה צום וואַטיקאַן, רופט אָן זיין נאָמען און הייסט איבערגעבן דעם הייליקן פאָטער, אַז ער בעט אים זען.

עס באַווייזט זיך גלייך אַ גלח וועלכער טיילט מיט אַז דער הייליקער פאָטער איז אים גרייט אויפצונעמען, ער קען דאָס אָבער נישט טאָן פאַר זיינע באַגלייטער, דער הייליקער פאָטער קען נישט אויפנעמען יעדן ערשטן בעסטן וואָס ווינטשט עס...

ראַבינאָוויטש געפינט אַן עצה:

— הערט חברה — ווענדט ער זיך צו דער גרופּע אָפּיצירן — וואַרט אין דרויסן פאַרן באַלקאָן פון פּאַלאַץ, און איך וועל אַרויסקומען מיטן פּויפּסט אויפן באַלקאָן, איך וועל אים אפילו פירן אונטערן אָרעם, וועט עס אייך גענוגן?

די גרופּע אָפּיצירן גייט אַרויס אויפן פּלאַץ און שטעלט זיך אַוועק קוקן אויפן באַלקאָן.

דורכגייער זעען ווי אַ גרופּע קוקט אויפן באַלקאָן פון פּאַלאַץ, פרעגן זיי:

— וואָס קוקט איר דאָ?

— דער פּויפּסט דאַרף זיך באַלד באַווייזן.

בלייבן די דורכגייער וואַרטן און פון מינוט צו מינוט ווערט דער עולם אַלץ גרעסער און גרעסער.

ענדלעך עפענען זיך די טירן פון באַלקאָן און עס באַווייזט זיך דער פּויפּסט אָנגעטאָן אין אַ ווייסן קיטל, געפירט דורך ראַבינאָוויטשן אונטערן אָרעם. אַ סך פאַלן אויף די קני און צלמען זיך, אין דעם מאָמענט הערט איינער פון די אָפּיצירן ווי אימעץ פרעגט:

— ווער איז דאָס אויפן באַלקאָן?

דער אָפּיציר מישט זיך אַריין:

— דאָס איז אַן אַמעריקאַנער, ער הייסט ראַבינאָוויטש.

— דאָס ווייס איך, — ענטפערט דער מאַן — ווער קען עס נישט ראַבינאָוויטשן? איך מיין יענעם, אינעם ווייסן קיטל, ער, ווער איז?

מיט איין וואָרט: אין רוים האָט מען אויך געקענט ראַבינאָוויטשן, גיכער ווי דעם פּויפּסט.

***

איצט וועלן די נאָכקומענדיקע שורות, ענדגילטיק אויפקלערן דעם שייכות וואָס עס האָבן צווישן זיך די כאַראַקטעריסטישע אייזערנע פּלאַטן מיט אידישע אותיות אויף די גאַסן אין ישׂראל און די מערק־ווירדיקע מעשׂה מיטן יידישן אָפּיציר ראַבינאָוויטש.

אַ געווויסן טאָג האָב איך מיר געפונען אין נצרת און וויזיטירט אירע באַרימטע ערטער. אין דער שטאָט האָט, לויט דער עוואַנגעליע, געלעבט דאָס מיידל מרים, וואָס איז שוואַנגער געוואָרן פון... הייליקן גייסט. דאָ האָט זי אויך געוואוינט מיט איר מאַן דעם סטאָלאַר יוסף און דאָ אויך זיינען פאָרגעקומען נאָך אַ סך נסים; מיט איין וואָרט, נצרת איז פאַרהייליקט ביי דער קריסטלעכער וועלט, איז פול מיט קירכעס, און קריסטן קומען פון גאָר דער וועלט צו זיין אויף די הייליקע ערטער. מען וואַנדערט דאָ אין היילן וואָס מען ווייזט אָן ווי די אויטענטישע וואוינונגען פון דער הייליקער פאַמיליע; מען ווייזט אייך אפילו דאָס ווינקל פון וואַנען עס זאָל זיך האָבן באַוויזן דער מלאך וואָס האָט אָנגעזאָגט די בשׂורה, א.אַ.וו. איר קענט זיכער די גאַנצע געשיכטע וואָס האָט אונדז אידן געקאָסט פיל, פיל בלוט.

אָנגעגאַנגען זיך איבער די קעלערן און היילן, קומען מיר אַרויס לסוף אויף דער ליכטיקער וועלט און ביים פאַרלאָזן דאָס הויז וואָס איז פון צווישן די סאַמע הייליקסטע ערטער פון דער קריסטלעכער וועלט, באַדאַרף מען אַראָפּגיין אַ שטיגל, איין שטיגל, און דאָ, ביים שטיגל פון קדשי קדשים אין נצרת דערזע איך, צו מיין גרעסטער שטוינונג, אַן אייזערנע פּלאַטע פון וואַסער־לייטונג, אויף וועלכער איך זע גרויסע אידישע אותיות און לייען: „צבי רבינוויטש — תל אביב״.

מיט איין וואָרט, די אידישע אותיות דאָמינירן דאָ אין גאַנצן לאַנד, אפילו אין נצרת, ביי איינע פון די סאַמע וויכטיקסטע ערטער פאַר דער קאַטוילישער וועלט.


# סעקרעטאַרן־

## גרויסע נייס פאַר אייך!

די זיבן (7) פונקטן זיינען אַ ג א ר א נ ט י ע פאַר אייער דערפאָלג!

1. די „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט" האָט איצט איינגעשטעלט אַ פולשטענדיקע מימיאָגראַפישע דרוקעריי, וואָס וועט אייך שפּאָרן אַרבעט, מי און זאָרג און וועט, גלייכצייטיק, שניידן אויף אַ גוטער העלפט די קאָסטן פון דרוקן בריוו, צירקולאַרן און פּאָסט־קאַרדס פאַר אייערע אָרגאַניזאַציעס.

2. אייערע בריוו, אָן באַזונדערער באַלוינונג און קאָסט, וועלן ווערן רעדאַקטירט און פיין אויסגעשטעלט פון די בעסטע שרייבער אין אידיש, ענגליש און העברעאיש.

3. אונזער אַדרעסאָגראַף דעפּאַרטמענט שפּאָרט אייך די אַרבעט און די מי און די צייט פון שרייבן מיטן האַנט די אַדרעסן פאַר אייערע מיטגלידער.

4. אייערע בריוו און צירקולאַרן קענען דער־לייידיקט ווערן דורך געבן אונז די „קאָפּיע" דורכן טעלעפאָן אָדער דורך פּאָסט.

5. אַלע באַשטעלונגען ווערן שנעל און פּינקט־לעך דערלייידיקט.

6. מיר גיבן אייך פרייע באַראַטונג וועגן פּאַ־סיקע טאַלענטן פאַר אייערע אונטערנעמונגען, ווי אויך אינטערעסאַנטע רעדנער און לעקטאָרן פאַר אייערע מיטינגען.

7. שטעלט זיך גלייך אין פאַרבינדונג מיט אונז, טעלעפאָניש, אָדער דירעקט, יעדן טאָג, חוץ שבת און זונטאָג.

**WOCHENBLAT MIMEO SERVICE**
41 Union Square, room 901
New York 3, N. Y.
**Tel.: ALgonquin 5-6393**

געזאָגט קיין גאַנצן ליגן, האָט ער יעדנפאַלס איבערגעטריבן מיט דער גרויסער פריינטשאַפט ביי דער הייליקער שטול...

אָנגעקומען אין רוים לאָזט זיך ראַבינאָוויטש מיט זיין חברה צום וואַטיקאַן, רופט אָן זיין נאָמען און הייסט איבערגעבן דעם הייליקן פאָטער, אַז ער בעט אים זען.

עס באַווייזט זיך גלייך אַ גלח וועלכער טיילט מיט אַז דער הייליקער פאָטער איז אים גרייט אויפצונעמען, ער קען דאָס אָבער נישט טאָן פאַר זיינע באַגלייטער, דער הייליקער פאָטער קען נישט אויפנעמען יעדן ערשטן בעסטן וואָס ווינטשט עס...

ראַבינאָוויטש געפינט אַן עצה:

— הערט חברה — ווענדט ער זיך צו דער גרופּע אָפּיצירן — וואַרט אין דרויסן פאַרן באַלקאָן פון פּאַלאַץ, און איך וועל אַרויסקומען מיטן פּויפּסט אויפן באַלקאָן, איך וועל אים אפילו פירן אונטערן אָרעם, וועט עס אייך גענוגענען?

די גרופּע אָפּיצירן גייט אַרויס אויפן פּלאַץ און שטעלט זיך אַוועק קוקן אויפן באַלקאָן.

דורכגייער זעען ווי אַ גרופּע קוקט אויפן באַלקאָן פון פּאַלאַץ, פרעגן זיי:

— וואָס קוקט איר דאָ?

— דער פּויפּסט דאַרף זיך באַלד באַווייזן.

בלייבן די דורכגייער וואַרטן און פון מינוט צו מינוט ווערט דער עולם אַלץ גרעסער און גרעסער.

ענדלעך עפענען זיך די טירן פון באַלקאָן און עס באַווייזט זיך דער פּויפּסט אָנגעטאָן אין אַ ווייסן קיטל, געפירט דורך ראַבינאָוויטשן אונטערן אָרעם. אַ סך פאַלן אויף די קני און צלמען זיך, אין דעם מאָמענט הערט איינער פון די אָפּיצירן ווי אימעץ פרעגט:

— ווער איז דאָס אויפן באַלקאָן?

דער אָפּיציר מישט זיך אַריין:

— דאָס איז אַן אַמעריקאַנער, ער הייסט ראַבינאָוויטש.

— דאָס ווייס איך, — ענטפערט דער מאַן — ווער קען עס נישט ראַבינאָוויטשן? איך מיין יענעם, אינעם ווייסן קיטל, ער, ווער איז?

מיט איין וואָרט: אין רוים האָט מען אויך געקענט ראַבינאָוויטשן, גיכער ווי דעם פּויפּסט.

*
* *

איצט וועלן די נאָכקומענדיקע שורות, ענדגילטיק אויפקלערן דעם שייכות וואָס עס האָבן צווישן זיך די כאַראַקטעריסטישע אייזערנע פּלאַטן מיט אידישע אותיות אויף די גאַסן אין ישראל און די מערק־ווירדיקע מעשה מיטן יידישן אָפּיציר ראַבינאָוויטש.

אַ געוויסן טאָג האָב איך מיר געפונען אין נצרת און וויזיטירט אירע באַרימטע ערטער. אין דער שטאָט האָט, לויט דער עוואַנגעליע, געלעבט דאָס מיידל מרים, וואָס איז שוואַנגער געוואָרן פון... הייליקן גייסט. דאָ האָט זי אויך געוואוינט מיט איר מאַן דעם סטאָלער יוסף און דאָ אויך זיינען פאָרגעקומען נאָך אַ סך נסים; מיט איין וואָרט, נצרת איז פאַרהייליקט ביי דער קריסטלעכער וועלט, איז פול מיט קירכעס, און קריסטן קומען פון גאָר דער וועלט צו זיין אויף די הייליקע ערטער. מען וואַנדערט דאָ אין היילן וואָס מען ווייזט אָן ווי די אויטענטישע וואוינונגען פון דער הייליקער פאַמיליע; מען ווייזט אייך אפילו דאָס ווינקל פון וואַנען עס זאָל זיך האָבן באַוויזן דער מלאך וואָס האָט אָנגעזאָגט די בשורה, א.אַ.וו. איר קענט זיכער די גאַנצע געשיכטע וואָס האָט אונדז אידן געקאָסט פיל, פיל בלוט.

אָנגעגאַנגען זיך איבער די קעלערן און היילן, קומען מיר אַרויס לסוף אויף דער ליכטיקער וועלט און ביים פאַרלאָזן דאָס הויז וואָס איז פון צווישן די סאַמע הייליקסטע ערטער פון דער קריסטלעכער וועלט, באַדאַרף מען אַראָפּגיין אַ שטיגל, איין שטיגל, און דאָ, ביים שטיגל פון קדשי קדשים אין נצרת דערזע איך, צו מיין גרעסטער שטוינונג, אַן אייזערנע פּלאַטע פון וואַסער־לייטונג, אויף וועלכער איך זע גרויסע אידישע אותיות און לייען: „צבי רבינוביץ — תל אביב".

מיט איין וואָרט, די אידישע אותיות דאָמינירן דאָ אין גאַנצן לאַנד, אפילו אין נצרת, ביי איינע פון די סאַמע וויכטיקסטע ערטער פאַר דער קאַטוילישער וועלט.


# סעקרעטאַרן־

## גרויסע נייס פאַר אייך!

די זיבן (7) פונקטן זיינען אַ ג אַ ר אַ נ ט י ע פאַר אייער דערפאָלג!

1. די „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט" האָט איצט איינגעשטעלט אַ פולשטענדיקע מימיאָגראַפישע דרוקעריי, וואָס וועט אייך שפּאָרן אַרבעט, מי און זאָרג און געלט, גלייכצייטיק, שניידן אויף אַ גוטער העלפט די קאָסטן פון דרוקן בריוו, צירקולאַרן און פּאָסט־קאַרדס פאַר אייערע אָרגאַניזאַציעס.

2. אייערע בריוו, אָן באַזונדערער באַלוינונג און קאָסט, וועלן ווערן רעדאַקטירט און פיין אויסגעשטעלט פון די בעסטע שרייבער אין איריש, ענגליש און העברעאיש.

3. אונזער אַדרעסאָגראַף דעפּאַרטמענט שפּאָרט אייך די אַרבעט און די מי און די צייט פון שרייבן מיטן האַנט די אַדרעסן פאַר אייערע מיטגלידער.

4. אייערע בריוו און צירקולאַרן קענען דער־לעדיקט ווערן דורך געבן אונז די „קאָפּיע" דורכן טעלעפאָן אָדער דורך פּאָסט.

5. אַלע באַשטעלונגען ווערן שנעל און פּינקט־לעך דערלעדיקט.

6. מיר גיבן אייך פרייע באַראַטונג וועגן פּאַ־סיקע טאַלענטן פאַר אייערע אונטערנעמונגען, ווי אויך אינטערעסאַנטע רעדנער און לעקטאָרן פאַר אייערע מיטינגען.

7. שטעלט זיך גלייך אין פאַרבינדונג מיט אונז, טעלעפאָניש, אָדער דירעקט, יעדן טאָג, חוץ שבת און זונטאָג.

**WOCHENBLAT MIMEO SERVICE**
41 Union Square, room 901
New York 3, N. Y.
**Tel.: ALgonquin 5-6393**

**יצחק ליבמאַן**

**בויער און שאַפער פון מיין דור**

איסר תלויש — — 503, 504, 505, 506

א. לוצקי — — — — — — — 508, 507

**יצחק ליבמאַן**

**עדיטאָריעלס:**

ברוכים הבאים — ר׳ 501 — — 501

עטלעכע באַמערקונגען וועגן דעם ענין „מיאַמי" — — — — — — — 502

אונזער באַגריסונג צום „פאָרווערטס" וואָס די רעדאַקציע סעקרעטאַרין האָט געשריבן — — — — — — — — 504

סע האָט געלוינט דאָס וואַרטן אויף דיר, דו „מאַטושקאַ" רעוואָלוציע 508

**יצחק ליבמאַן**

פרילינג — דורך פאַרכמאַרעטע הימלען (מאָלאָדע-אַרטיק) — — — 503

ס׳האָט אַ האַרץ זיך צערעדט... (ליד אין פאָלקסטימלעכן מינאָרן-געזאַנג) — — — — — — — — 504

צו אַ נאָענטן פרעמדן (ליד) — — 506

דו פרעגסט: אויב דאָס איז ליבע... (ליד) — — — — — — — 507

**צבי ש. לעדער**

שבת און יום-טוב אין ישראל — — 502

אידישע שרייבער אין אַרגענטינע— 507

**אברהם לעוו**

ווען ס׳האָבן ווערטער אויף די ליפּן זיך גענומען לעשן (ליד) — — 505

געבענטשטע זאָל זיין (ליד) — — 506

**הערשל מאַקאַריצער**

**יוניאָן סקוועער איך און פּערציק**

מנחמס אַרויסגעשפּריצטע געזאַנג-יאָדע. — ווי דאָס וואָרט „חנוכה" האָט זיך על פּי נס געראַטעוועט... — דער יום-טובדיקער מאַרים אַרבער. — פאַרוואָס דער בילדונגס קאָמיטעט פון אַרבעטער רינג „באַצאָלט נישט דעם ביל"... — איך דערלויב זיך אָנבאָטן אַ פּרייז דעם בעסטן ענטפערער אויף אַ „מחברים חיבור" — „דער קולט פון י. ל. פּרץ" — טוט נאָך נישט אויס די שפּאַקולן פון אַ קריטיקער... — — — — 501

„מאַיאַ מאַמאַ איז קראַיו — נישטאַהאַ ביע זנאַיו" — ווען אונזער מוסר וואָרט ווערט דראַמאַטיזירט פאַר נישט אידן. — פּעלאַ בירא אין אַ נייער ראָלע, אַלס פּעטערין פאַר אמת. — — — — — — — 502

ווען די תיק האָט איבערגעשטיגן 100 גראַד. — דער באַגייסטער מיכל ראָזענבערג ביי דער לעבעדיגער ווידעאָ. — ווען אַ שרייבעריש וואָרט קריגט כוח אויפצוהייבן אַ סאָבוויי. — דר. מוקדוני וועט אויף דער עלטער זיך נאָך הערדיגען צו אַ טישל. — ס׳וועגדט זיך ווער עס קען נישט... איז נאָך גאָט צו דאַנקען פאַר דעם מוזיקן לייוענער. — דער גוואַלטיקער אַפּעטיט פון אַ מיט-זומערדיקן מיטינג...— 504

אַז לעווין שרייט שוין: „כאַפּט אַ גנב!". — אַ נייער מעדאַל פאַר דר. מוקדוני... — אויב אסתר שומיאַטשער - הירשביין איז אַ מוסטער פון מאָדערניזם... — פון די פּאַרטיזאַנישע וועלדער — אויף די היגע פרידלעכע פעלדער... — דאָס אידישע ליד אין בעלאַרסקיס מויל... — — — — — — — — 505

ווען אייער פונם דזשאַנגל דערשרעקט זיך פאַר די חיות. — שלמה ראָזענבערג הויבט אויף דעם פּאַראַנג, איבער דעם שווינדל מיט פּרייזן וואָס קליקע-שרייבער באַגייען קעגן נישט-קליקע שרייבער! — אַט ערשט אַ „בוסטער" און שוין אַ פּוסטער... — פון יום-כפּור-בעלער ביז צום דערקלעטער פון בורלעסק חוזק — — — — 506

**ג. מנחם**

**אויפן שפּיץ פון דער פּען**

נ. ב. — — — — — — — — — 503

מימים ימימה 1957: „ספּוטניק" — פּוסטניק; נומער 500 פון „וואָכנבלאַט"; אונזער איבערגעקומענער 1957 — — — — — — — — — 508

**דוד סאָהן**

דער ליטעראַרישער בעל מופת (וועגן יצחק ליבמאַן און זיין 500סטן יובילוי-נומער „וואָכנבלאַט") — 503

**חנה בושעל-סאָלאָוו**

אין אָנדענק (ליד) — — — — — — 504

שטורעם (ליד) — — — — — 506

אין ווייטן וועג — — — — — 507

**ש. סימכאָוויטש**

אין מיטן נאַכט (ליד) — — — 506

**מאַקס סענדין**

אַ חכמדיקער צוגאָב צו אַ פּסחדיקער „מעניו" (רעפּאָרטאַזש פון מיאַמי) — — — — — — — 503

**יענטע סערדאַצקי**

עס ברענט! (פּערזענלעכס) — — 506

**ש. ערנסט**

ווי אַזוי יצחק ליבמאַן ווערט אָפּגעשאַצט אין ישראל (רעפּאָרט)— 505

**י. פּאַפּיערניקאָוו**

מיט מיין פאַרשטעמט געזאַנג — — 507

**וויליאַם פּעסקאָף**

יצחק ליבמאַנס צווייטער שטורמישער באַזוך אין מיאַמי (רעפּאָרטאַזש) — — — — — — — — 502

**יאַני פיין**

אַ דאַנק אייך פאַר לעבן און טויט (ליד) — — — — — — — — — 506

**יוסף פיינמאַן**

ערשטער שניי אויפן חרמון (ליד)— 502

**מ. פריד**

12 און 63 (דאָס לעבן און שאַפן פון דר. מרדכי זאב רייזין, ע״ה)— 508

**גיטל ציטרין**

דער נייער בוים (ליד) — — — — 503

איך זוך (ליד) — — — — — 504

אַ, ביזער מזל מיין! (ליד) — — 505

אַ תפילה (ליד) — — — — — 506

אַ ליכט אויסגעלאָשן — — — — 507

**סאַלאַמאָן קאַהאַן**

טאָסקאַניני אין אידישן זכרון — 508

**יאָסל קאָהן**

**אין אינטימען טאָן**

שכר און עונש (וויכוח מיט ש. ניגער) — — — — — — — 503

דוד דובינסקי — — — — — — 504

יוסף ברעסלאַו, ע״ה — — — — 505

**ב. קאָוונער**

מאַדאַם זשאַבאָטינסקי (דעקלאַמאַציע אין פּערזן) — — — — — — — — 504

אָך, ווי דערלעב איך דאָס! (פּאָעמע)—505

אייניקל אַ קלמן (אַ טיפּ פון אַ — אין פּערזן) — — — — — — — 506

צו אַ פריינט (פּאָעמע) — — — 508

**יחזקאל קאָרנהענדלער**

שלום שוואַרצבאַרד — — — — — 506

ראַבינאָוויטש אין נצרת — — — 508

**רבקה קאָפּע**

פרעג ציילן (ליד) — — — — — 501

גוטן אָוונט ליד (ליד) — — — 502

פרילינג (ליד) — — — — — 503

צום דיכטער סיגם העלער (ליד) — 507

**ל. קיסעלעוו**

אַ לעבן אין זאָרגן (ליד) — — — 501

**ראָזע קרעדיטאָר**

מיין עליה צו ישראל (ליד) — — 503

קינדער-שפּיל אין פעלד (ליד) — 505

אין שעה פון שקיעה (ליד) — — 506

א. לוצקי אין לעבן און טויט — — 507

**ד. קריוויצקי**

א. לוצקי (אַרטיקל) — — — — 508

**יחזקאל ראַבינאָוויטש**

עס קוקט דווקא שטאַרק אויס אַז בן-גוריון איז ווידעראַמאָל גערעכט (אַרטיקל) — — — — — — — 505

**ישראל ראַבינאָוויטש**

**נאָטיצן איבער טאָג-פּראָגן**

טוינגט און איין נאַכט. — צדיקים אין פעלץ — — — — — — — 501

דר. י. שטיינבערג, ע״ה — — — — 502

ניין יאָר מדינת ישראל: פּלאַץ איז ווי געווען („לייבער פּראָגרעסיוו פּאַרטי" — קאַמוניסטישע פון קאַנאַדע) — — — — — — — — 503

„זמירות היו לי חוקיך"... (קריטיק איבער ש. ראָזאָווסקיס „די נגינות פון תנ״ך") — — — — — — 504

צו די „העבעריגע ספרן" — „ראש עם ראל" — — — — — — — — 507

„גאָלדענער יובל-בוך" — — — — — 508

**יצחק ליבמאַן**

בויער און שאַפער פון מיין דור

איסר תלויש — — 503, 504, 505, 506

א. לוצקי — — — — — — 508, 507

**יצחק ליבמאַן**

עדיטאָריעלס:

ברוכים הבאים — ר' 501 — — 501

עטלעכע באַמערקונגען וועגן העם עניין „מיאַמי" — — — — — — — 502

אונזער באַגריסונג צום „פאָרווערטס" וואָס די רעדאַקציע סעקרעטאַרין האָט געשריבן — — — — — — — — 504

סע האָט געלוינט דאָס וואַרטן אויף דיר, דו „מאַטושקאַ" רעוואָלוציע 508

**יצחק ליבמאַן**

פרילינג — דורך פאַרכמאַרעטע הימלען (פאַלאַרע-אַרטיק) — — — 503

ס'האָט אַ האַרץ זיך צערעדט... (ליד אין פאַלקסטימלעכן מיגאַרן-געזאַנג) — — — — — — — — — 504

צו אַ נאָענטן פרעמדן (ליד) — — 506

דו פרעגסט: אויב דאָס איז ליבע... (ליד) — — — — — — — — — 507

**צבי ש. לעדער**

שבת און יום-טוב אין ישראל — — 502

אידישע שרייבער אין אַרגענטינע— 507

**אברהם לעוו**

ווען ס'האָבן ווערטער אויף די ליפּן זיך גענומען לעשן (ליד) — — 505

געבענטשט זאָל זיין (ליד) — — 506

**הערשל מאַקאַריצער**

יוניאָן סקווער איך און פּערציק

מנחמס אַרויסגעשפּיצטע געזאַנג-יאָרע. — ווי דאָס וואָרט „חנוכה" האָט זיך על פּי נס געראַטעוועט... — דער יום-טובדיקער מאַריס אַרבער. — פאַרוואָס דער בילדונגס קאָמיטעט פון אַרבעטער רינג „באַצאָלט ניט דעם ביל"... — איך דערלויב זיך אָנבאָטן אַ פּרייז דעם בעסטן ענטפערער אויף אַ „מחברס חיבור" — „דער קולט פון י. ל. פּרץ" — טוט נאָך ניט אויס די שפּאָקולן פון אַ קריטיקער... — — — — — 501

„מאַיאַ באָמאַ איז קראַיו — ניעשאַהאַ ביע זנאַיו" — ווען אונזער מוסר וואָרט ווערט דראַמאַטיזירט פאַר ניט אידן. — פּעלאַ בירא אין אַ נייער ראָלע, אַלס פאַרטרעטערין פאַר אמת. — — — — — — — — 502

ווען די היץ האָט איבערגעשטיגן 100 גראַד. — דער באַוויסטער מיכל ראַזענבערג ביי דער לעבעדעוויאַדע. — ווען אַ שרייבעריש וואָרט קריגט כוח אויפצוהייבן אַ סאָבוויי. — דר. מוקדוני וועט אויף דער עלטער זיך נאָך הערדיבען צו אַ טישל. — ס'ווענדט זיך וואָר עס קען ניט... איז נאָך גאָט צו דאַנקען פאַר דעם מוטיקן לויענער. — דער גוואַלטיקער אַפּעטיט פון אַ מיט-זומערדיקן מיטינג... — 504

אַז לעווין שרייט שוין: „כאַפּט אַ גנב!". — אַ נייער מעדאַל פאַר דר. מוקדוני... — אויב אסתר שומיאַטשער - הירשביין איז אַ מוסטער פון מאָדערניזם... — פון די פּאַרטיזאַנישע וועלדער — אויף די היגע פרידלעכע פעלדער... — דאָס אידישע ליד אין בעלאַרסקיס מויל... — — — — — — — — — 505

ווען איינער פונם דזשאָנגל דערשרעקט זיך פאַר די חיות. — שלמה ראָזענבערג הויבט אויף דעם פאַרהאַנג, איבער דעם שווינדל מיט פּרייזן וואָס קליקע-שרייבער באַגייען קעגן ניט-קליקע שרייבער! — אָט ערשט אַ „בוסטער" און שוין אַ פוסטער... — פון יום-כפּור-בעלער ביז צום דערקלעטער פון בורלעסק חוזק — — — — 506

**ג. מנחם**

אויפן שפּיץ פון דער פען

נ. ב. — — — — — — — — — — 503

מימים ימימה 1957: „ספּוטניק" — פוסטניק; נומער 500 פון „וואָכנבלאַט"; אונזער אינוחענטאַר 1957 — — — — — — — — — — 508

**דוד סאָהן**

דער ליטעראַרישער בעל מופת (וועגן יצחק ליבמאַן און זיין 500סטן יוביליי-נומער „וואָכנבלאַט") — 503

**חנה בושעל-סאַלאָוו**

אין אַנדענק (ליד) — — — — — — 504

שטורעם (ליד) — — — — — — 506

אין ווייטן וועג — — — — — — 507

**ש. סימכאָוויטש**

אין מיטן נאַכט (ליד) — — — 506

**מאַקס סענדרין**

אַ חמצדיקער צוגאָב צו אַ פּסחדיקער „מעניו" (רעפּאָרטאַזש פון מיאַמי) — — — — — — — — 503

**יענטע סערדאַצקי**

עס ברענט! (פערזענלעכס) — — 506

**ש. ערנסט**

ווי אַזוי יצחק ליבמאַן ווערט אָפּגעשאַצט אין ישראל (רעפּאָרט)— 505

**י. פּאַפּירניקאָוו**

מיט מיין פאַרשעמט געזאַנג — — 507

**וויליאַם פּעסקאָף**

יצחק ליבמאַנס צוויי וועכנטלעכער שטורמישער באַזוך אין מיאַמי (רעפּאָרטאַזש) — — — — — — — — 502

**יאַני פּיין**

אַ דאַנק איך פאַר לעבן און טויט (ליד) — — — — — — — — — 506

**יוסף פיינמאַן**

ערשטער שניי אויפן חרמון (ליד)— 502

**מ. פריד**

12 און 63 (דאָס לעבן און שאַפן פון דר. מרדכי זאב רייזין, ע"ה)— 502

**גיטל ציטרין**

דער נייער בוים (ליד) — — — — 503

איך זוך (ליד) — — — — — — 504

אָ, בייזער מזל מיין! (ליד) — — 505

אַ תפילה (ליד) — — — — — — 506

אַ ליכט אויסגעלאָשן — — — — 507

**סאַלאָמאָן קאַהאַן**

טאַסקאַגינכי אין אידישן זכרון — 502

**יאָסל קאָהן**

אין אינטימען טאָן

שכר און עונש (וויכוח מיט ש. ניגער) — — — — — — — 503

דוד דובינסקי — — — — — — 504

יוסף ברעסלאַו, ע"ה — — — — 505

**ב. קאָוונער**

מאַדאַם זשאַבעט (דעקלאַמאַציע און פּערזן) — — — — — — — — — 504

אַך, ווי דערלעב איך דאָס! (פּאָעמע)—505

איינער אַ קלמן (אַ טיפּ אַזאַ — אין פּערזן) — — — — — — — 506

צו אַ פריינט (פּאָעמע) — — — — 508

**יחזקאל קאָרנהענדלער**

שלום שוואַרצבאַרד — — — — — 506

ראַבינאָוויטש אין נצרת — — — — 508

**רבקה קאָפּע**

פרעג ציינכן (ליד) — — — — — 501

גוטן אָוונט ליד (ליד) — — — — 502

פרילינג (ליד) — — — — — — 503

צום דיכטער פונם הערץ (ליד) — 507

**ל. קיסעלעוו**

אַ לעבן אין זאָרגן (ליד) — — — 501

**ראָזע קרעדיטאָר**

מיין עליה צו ישראל (ליד) — — 503

קינדער-שפּיל אין פעלד (ליד) — 505

אין שעה פון שקיעה (ליד) — — 506

א. לוצקי אין לעבן און טויט — — 507

**ד. קריוויצקי**

א. לוצקי (אַרטיקל) — — — — 508

**יחזקאל ראַבינאָוויטש**

עס קוקט דויער שטאַרק אויס אַז בן-גוריון איז ווידעראַמאָל גערעכט (אַרטיקל) — — — — — — — 505

**ישראל ראַבינאָוויטש**

נאָטיצן איבער טאָג-פראַגן

טויזנט און איין נאַכט. — צדיקים אין פעלץ — — — — — — — 501

דר. י. שטיינבערג, ע"ה — — — — 502

ניין יאָר מדינת ישראל! אַלץ איז ווי געווען („לייבאָר פּראָגרעסיוו פּאַרטי" — קאָמוניסטישע פון קאַנאַדע) — — — — — — — — 503

„זמירות היו לי חוקיך"... (קריטיק איבער ש. ראָזאָווסקיס „די נגינות פון תנ"ך") — — — — — — — 504

צו די „העכערע ספערן" — „ראָש ענראַל" — — — — — — — — 507

„גאָלדענער יובל-בוך" — — — — 508

Dr. A. A. Roback
129 Mt. Auburn St.
Cambridge 38, Mass.

# פאַרוואָס

## ?

## די אידישע אינטעליגענץ לייענט אַזוי פלייסיק

# דאָס „וואָכנבלאַט"

**ווייל** דאָס „וואָכנבלאַט" איז די איינציקע אומאָפּהענגיקע נאַציאָנאַלע טריבונע אין אידיש.

**ווייל** דאָס „וואָכנבלאַט" איז די פּלאַטפאָרמע פאַר דעם אומאָפּהענגיקן אידישן שריפטשטעלער.

**ווייל** אין יעדן נומער „וואָכנבלאַט" דערהערט מען אַ פריש וואָרט פון אַ פּנים חדשות.

**ווייל** אין „וואָכנבלאַט" האָבן זיך ביז איצט באַטייליקט איבער 200 פון די וויכטיקסטע אידישע שריפט־שטעלער, דיכטער און דענקער.

**ווייל** אין „וואָכנבלאַט" ווערט מיט פולן מויל אַרויס־געזאָגט דער גאַנצער און אומקאָמפּראָמיסלאָכער אמת.

**ווייל** דאָס „וואָכנבלאַט" קעמפט פאַר די נאַציאָנאַל־פּאָליטישע און קולטורעלע אינטערעסן פון דעם אידנטום אין אַמעריקע.

**זאַמלט אַבאָנענטן צווישן אייערע פריינט און באַקאַנטע! ווערט אַ מיטבויער צו אַ פאַרגרעסערטן און פאַרשטאַרקטן „וואָכנבלאַט"!**

ענטפערט אונזער רוף — דורך אויספילן און גלייך אַריינשיקן דעם פאָלגנדיקן קופּאָן:

איך שיק אייך דאָ מיין איינצאָלונג פאַר דעם „וואָכנבלאַט":

חוב פון פריער ................ $

אַבאָנעמענט פאַר 1 יאָר (7 דאָלער אַ יאָר)...... $

אַבאָנעמענט פאַר 2 יאָר (13 דאָלער) ........ $

אַבאָנעמענט פאַר 3 יאָר (18 דאָלער) ........ $

Name ______________________

Address ______________________

City, State and P. O. Zone ______________

______________________

**די „וו"־רעדאַקציע און מיטאַרבעטערשאַפט זיינען שרויים בצער אויפן טויט פון י. ה. ראַדאָשיצקי ע"ה. אַ וואָרט פון אָפּשאַץ — אין קומענדיקן נומער „וו".**

# אַ בריוו פון א. לוצקי צו דר. אברהם אייסען

מיטוואָך 4 פאַרטאָג, דעצעמבער 5, 1951, נ. י.

מיין ליבער פריינט, קאָלעגע דר. א. אייסען.

ווי איר זעט אויבן, איז איצט 4 אַזייגער פאַרטאָג. איך זיץ ביי מיין שרייב־טיש, און איך האָב געענדיקט לייענען אייער טהאָמאָס גרעי.

עס ווערט געזאָגט אין אייער טהאָמאַס גרעי, אַז בלויז עטלעכע געציילטע פּאָעמען איז פון אים פאַרבליבן, און אַז זיין „עלעגיע" איז גענוג צו פאַראייביקן דעם נאָמען טהאָמאַס גרעי...

וויל איך איצט זאָגן וועגן אייך, ליבער דר. אייסען.

ווען איר וואָלט בלויז איבערגעזעצט די „עלעגיע" פון טהאָמאַס גרעי, וואָלט איר שוין זוכה געווען פאַראייביקט צו ווערן, פון אונז אי־דישע לייענער...

איך בין אַזוי איבערראַשט פון אַנטציקונג, אַז איך ווייס נישט איי־גנטלעך וועמען פריער דאַנקבאַר צו זיין.

פאַרשטייט זיך, טהאָמאַס גרעי, פאַרדינט די ערשטע לויב. די צווייטע לויב אונזער אידיש, און איר, דר. אייסען זענט דאָך כולל בײדע...

איך האָב געלייענט, און גאָרניט געמערקט אַז די פּאָעמע איז נישט די אָריגינעלע שפּראַך פון דעם מייסטער גרעי...

איך האָב געלייענט און זיך געזאָגט מיט דערשטוינונג; מיר קענען גאָרנישט דר. אייסען, ווי ער האָט די ווערט מען זאָל אים קאָנען... מיר ליבן אים, מיר לויבן אים, מען דאַרף אים אָבער לויבן מער... אַ לויב צו אייך, אַ דערהויב צו אייך.

אונזער האַרציקער, ליבער קאָלעגע דר. א. אייסען. מיט פיל דאַנק, אייער א. לוצקי

# זינגט ביחידות און בציבור
# ליבמאַן־לידער און־ניגונים

**אַט זיינען אַ הויפן פון נייערע — (און זיי מעגן ווערן אייערע):**

1. זאָגט רבי יוחנן...
2. אידיש קודש וישראל...
3. דאָס ליד פון פרעמדן ברודער...
4. פון שבת צו שבת...
5. פון שטיל־געזאַנג...
6. מאַטיוו...
7. ס'איז יעדער טאָג פורים...
8. אין פאָלקס־טאָן...
9. צום נייעסטן רעקרוט...

**זינגט — און זייט יונג!**

**זינגט — און זייט געזונט!**

ווענט די ליבמאַן־אויפטריטן ביי אייערע יום־טובים זיך ווענדן אויפן אַדרעס פון „וואָכנבלאַט".

Robert Lothar Kendell: "American Christian Friends for Yiddish" responds with a check . . . . . . . . . . . . #505
יואל פינקעל: ווען אויסגעשעפּט פון געשעפטן געפינט ער רו ביים „וואָכנבלאַט" — — — — — — 506
מ. פריד: דריקט אויס באַגייסטע־רונג פאַר אַ ליד—מיט אַ טשועקל 506
א. גאָלדבערג: אַ פּראָלעטאַריער שרייבט אַ כתיבה טובה פאַרן „וואָכנבלאַט" — — — — — — — 506
לופו קעסלער: איז מהלל פאַר די קאַרגע — — — — — — — 506
מרים נעלסאָן: אַ שרייבערין קוועלט אָן פון די שרייבער — — — — 506
פון דער פאַרוואַלטונג: וועגן די פילע בריוו וואָס קענען נישט דער־שיינען מחמת דוחק אין פּלאַץ — 506
שלמה קיזער: גראַטולירט טענענ־בוים — — — — — — — — 507
דניאל פערסקי: ווען פערסקי טע־פאָלקטימלעכט זיך אין מאַמע־לשון — — — — — — — — — 507
רבקה קאָפּע: ווען אַ נומער „וואָכנ־בלאַט" דערפרייט אַ פאַריזער דיכטערין — — — — — — — 507
ישראל קאַרדאָן: אַ גראַטולאַציע — 507
ה. יאַנאָווער: בעסער שפּעט ווי קיינמאָל — — — — — — — — 507
מאַקסים בראָדין: דער מייסטער־זינגער באַטרויערט לוצקיס אויס־לעש — — — — — — — — — 507